בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוָן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי

265

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה
## היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַארְוָואס נֶעמְט אִיר זִיךְ אָן פַאר דִי עֶלְטֶערְן קֶעגְן דִי קִינְדֶער?..................................א

אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף נִישְׁט דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה, דַארְף עֶר דֶען מַיין תְּפִלִּין?.........ד

מֶעג מֶען טְרִינְקֶען סָאדֶע וָואס הָאט נָאר אַן אָה-יוּ (ou) הֶכְשֵׁר?..................................ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת..................................א

פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ נִישְׁט צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית?..................................ב

זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם אִין קָאנְטְרִי "אִילָן הַחַיִּים"..................................ד

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער..................................ה

אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן וואוּ אִיר זָאלְט וואוֹינֶען..................................ה

דֶער צִיל זָאל זַיין אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער..................................ו

אַ קִינְד הָאט אַ הַארְץ, עֶס וַוארְט אוֹיף אַ שְׁמֵייכְל, אַן אֱמֶתְ'עֶ שְׁמֵייכְל..................................ו

אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן מִיטְלֶעבְּן מִיט דַיין שִׁיעוּר..................................ח

מִשְׁנַיּוֹת הָאט אַ כֹּחַ צוּ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם מֶענְטְשׁ לְטוֹב..................................ט

וואוֹיל אִיז דִי פְרוֹי וָואס הֶעלְפְט אִיר מַאן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה..................................ט

מֶעג מֶען זָאגְן תְּהִלִּים אִין סְווִימִינְג פּוּל?..................................י

וִוי אַזוֹי דֶער מְלַמֵּד שְׁפִּירְט, אַזוֹי שְׁפִּירְן דִי קִינְדֶער..................................י

דִי עֶרְשְׁטֶע תּוֹרָה פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן שַׁיין אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוֹיף אִידִישׁ..................................יא

אַזוֹי שַׁיין וֶוען אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי פִירְט דִי הוֹיז וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין..................................יב

אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן פַּיינְטְשַׁאפְט, אִיךְ וֶוער פוּן דֶעם קְרַאנְק...................... יג

מֶען דַארְף אַסַאךְ הֶערְן אוּן זָאגְן, בִּיז זַאכְן הוֹיבְן זִיךְ אָן טוֹישְׁן...................... יד

וואוּ עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם, אִיז דִי שְׁכִינָה דָארְט...................... טו

זוּמֶער דַארְף מֶען מֶער טְרִינְקֶען, נִישְׁט צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעטְרוּקְנְט...................... טז

דִי סְקוּל זָאל בְּלַייבְּן הֵיימִישׁ אוּן וַוארֶעם, אֲפִילוּ וֶוען עֶס וֶוערְט גְרֶעסֶער...................... טז

דִי עִיקָר עֲבוֹדָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ מִיט גוּטֶע זַאכְן...................... יז

קוּם שַׁבָּת אִין שׁוּל מִיטְ'ן שְׁטְרַיימְל...................... יז

אַנְשְׁטָאט זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן, עֶנְדֶערְשׁ חַזֵר נָאכְאַמָאל דִי אֱמוּנָה...................... יח

נֶעמְט דִי לֶעבְּן גְרִינְג, נֶעמְט נִישְׁט קַיין פְּרֶעשׁוּר פוּן גָארְנִישְׁט...................... יט

עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אִין יְשִׁיבָה קַיין טְרִינְקֶען אַלְקָאהָאל...................... כ

שִׂמְחָה הִיט פוּן עֲבֵירוֹת...................... כ

מֶען דַארְף הָאבְּן נָאךְ אַ בִּנְיָן פַאר דִי מוֹסְדוֹת אִין שְׁטֶעטְל...................... כא

אַ טֶעלֶעפָאן אָן אַ פִילְטֶער אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג...................... כב

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ ווִילְסְט, וֶועסְטוּ זֶען נִסִּים...................... כג

אַז יֶענֶער ווִיל מִיךְ נִישְׁט, דַארְף אִיךְ יֶענֶעם טוֹיזְנְט מָאל נִישְׁט...................... כד

וֶוען דוּ זֶעסְט אַ מַחֲלוֹקֶת-פֵייעֶר צִינְדְט זִיךְ אָן, דֶערְשְׁטִיק עֶס...................... כה

גוּטֶע גְרוּסְן פוּן דִי אִינְגְל קֶעמְפּ...................... כו

דִי אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישׁ נָאכְ'ן אַרַיינְפַאלְן מִיט אַ מְנֻוָּל...................... כו

מַאךְ דֶעם קִידוּשׁ בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן...................... כח

מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מִיט חִזּוּק פַאר שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע יָארְן...................... כח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַארְוָואס נֶעמְט אִיר זִיךְ אָן פַאר דִי עֶלְטֶערְן קֶעגְן דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק.

דָאס אַז אִיךְ הָאבּ שָׁלוֹם בַּיִת - אִיז נָאר בִּזְכוּת דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער - לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אַז אִיךְ מַאךְ אוֹיף אַ אִידִישׁ סֵפֶר יֶעדְן טָאג, אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה מִיט רַשִׁ"י, חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, עֶטְלִיכֶע דַפִּים גְמָרָא - אִיז נָאר בִּזְכוּת דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה; אַלְס בָּחוּר פְלֶעג אִיךְ לֶערְנֶען גַאנְצֶע נֶעכְט אָבֶּער נָאךְ מַיין חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט אוֹיפְגֶעמַאכְט קַיין סֵפֶר, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער קֶען אִיךְ אוֹיסְרֶעכֶענֶען פִילֶע זַאכְן וָואס מַיין לֶעבְּן אִיז גוּט גֶעוָוארְן בִּזְכוּת דִי שִׁיעוּרִים.

אוּן יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, אִיךְ הֶער דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס שַׁארְפֶע שִׁיעוּרִים אִיבֶּער כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן אִיךְ טְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואלְט מִיטְגֶעמַאכְט מִיט זַיין טַאטֶע דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעמַאכְט אִינְדֶערְהֵיים - וָואלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְדֶערְשׁ מֶער מְחַזֵּק גֶעוֶוען דִי בָּחוּרִים וָואס לַיידְן פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואלְט אַנְשְׁטָאט דֶעם גֶעגֶעבְּן דִי שַׁארְפֶע שִׁיעוּרִים פַאר דִי טַאטֶעס.

יָארְן לַאנְג פְּלֶעג אִיךְ זִיצְן כִּמְעַט בַּיי יֶעדֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה אִין מַיין שְׁלָאף צִימֶער אִין וֵויינֶען, וַוייל מַיינֶע עֶלְטֶערְן פְלֶעגְן מִיךְ רַצְחְ'נֶען, שְׁלָאגְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען. אִיךְ פְלֶעג זִיךְ עֶפֶּעס אַמְפֶּערְן מִיט מַיין בְּרוּדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאר מִיךְ אָנְגֶעהַרְגְ'ט דִי בֵּיינֶער, זֵיי הָאבְּן אִים פָּשׁוּט מֶער לִיבּ גֶעהַאט פוּן מִיר.

איך פְלֶעג הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע הַנָאָה אוֹיסְצוּטוּן מַיין קָאפְּל, ווייל איך הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְּן שַׁייכוּת מִיט עֶפֶּעס וָואס הָאט שַׁייכוּת מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן.

הַיינְט פִיר אִיךְ זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן - נָאר אַ דַאנְק דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס חִיזוּק אוֹיף דֶעם, אָבֶער בְּעֶצֶם פִיל אִיךְ אַז אֶפְשָׁר וָואלְט אִיךְ זֵיי גֶעדַארְפְט פַארְהַאלְטְן אַז אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַ בַּעַל מוּם בְּנֶפֶשׁ בִּיז'ן הַיינְטִיגְן טָאג אוּן אִיךְ לַייד פוּן דֶעם - צוּלִיבּ זֵייעֶר אַכְזָרִיּוּת, אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען בַּיים הֶסְפֵּד אוֹיף לֵייבִּי קְלֶעצְקִי עָלָיו הַשָּׁלוֹם אַז וֶוען מֶען צֶעבְּרֶעכְט אוּן רַצְחְ'ט אַ קִינְד בְּלַייבְּט עֶר אַ בַּעַל מוּם בְּנֶפֶשׁ אוּן אָפְּגֶע'שָׁחְטְ'ן פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. אוֹיךְ פְלֶעג אִיךְ זוּכְן צוּ בַּאקוּמֶען לִיבְּשַׁאפְט פוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אוֹיף נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע וֶועגְן, ווייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שׁוּם לִיבְּשַׁאפְט אִינְדֶערְהֵיים.

דָאס אַז אִיךְ בִּין הַיינְט נָאךְ בַּיים זִינֶען, דָאס וָואס אִיךְ בִּין נָאךְ הַיינְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז נָאר ווייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוּן מִיר גֶעשִׁיקְט אַ קַארְטְל מִיט דִי נוּמֶער פוּנֶעם "קוֹל בְּרֶסְלֶב" טֶעלֶעפָאן לֵיין, אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וָואס נָאר דָאס הָאט מִיר גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי פִּיס.

חֲזַ"ל זָאגְן אִין מַסֶּכֶת קִידּוּשִׁין אַז אַ טַאטֶע וָואס טוּט פַארְשִׁידֶענֶע זַאכְן צוּם קִינְד, אִיז עוֹבֵר אוֹיף וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשׁוֹל, ווייל דֶער טַאטֶע מִיט זַיין אַכְזָרִיּוּת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מִידּוֹת צְווִינְגְט דָאס קִינְד צוּ זַיין אַ מְחוּצָּף קֶעגְן אִים.

פַארְוָואס אִיז דָאס קִינְד אַן אוֹיסְווָארְף וֶוען עֶר פְּרוּבִּירְט צוּרִיק צוּ עֶנְטְפֶערְן זַיינֶע עֶלְטֶערְן? אֶפְשָׁר בַּיי דֶעם גֵייט אָן הַבָּא לְהָרְגְּךָ הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דוּ פְרֶעגְסְט פַארְוָואס אִיז דָאס קִינְד אַן אוֹיסְווָארְף וֶוען עֶר עֶנְטְפֶערְט צוּרִיק זַיין טַאטֶע? ווייל דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת כ, יא): "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ", דִי תּוֹרָה זָאגְט (וַיִּקְרָא יט, ג): "אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ", מֶען דַארְף מוֹרָא**

הָאבְּן פוּן טַאטֶע אוּן מַאמֶע; מֶען טָאר זֵיי נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְּן פוּן זֵיי.

אַז מֶען הָאט אַ טַאטֶע מַאמֶע וָואס שְׁרֵייעֶן אוּן פַּיינִיגְן - הָאבְּן דִי קִינְדֶער נִישְׁט קַיין רֶעכְט צוּ מְזַלְזֵל זַיין אִין זֵיי; מֶען טָאר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר אַ טַאטֶע, זָאל דֶער טַאטֶע שְׁרֵייעֶן, שְׁלָאגְן אוּן שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְ'ן קִינְד - טָאר מֶען נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען דֶעם טַאטְן, מֶען דַארְף שְׁוַוייגְן אוּן דָאס אָנְנֶעמֶען.

וַוייסְטוּ בִּכְלַל אַז עֶס אִיז דָא שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹיף הִלְכוֹת כִּיבּוּד אָב וָאֵם? לָאמִיר לֶערְנֶען אִינְאֵיינֶעם הִלְכוֹת כִּיבּוּד אָב וָאֵם, דֶער הֵיילִיגֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ פְרֶעגְט (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סְעִיף ג): "עַד הֵיכָן מוֹרָאָם?" בִּיז וִויפִיל דַארְפְן קִינְדֶער לַיידְן פוּן עֶלְטֶערְן, זֵיי נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אוּן נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען? זָאגְט דֶער מְחַבֵּר: "הָיָה הַבֵּן לָבֵשׁ חֲמוּדוֹת" אֲפִילוּ וֶוען דֶער קִינְד גֵייט אָנְגֶעטוּן שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, "וְיוֹשֵׁב בְּרֹאשׁ הַקָּהָל" אוּן עֶר אִיז גָאר דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל, "וּבָאוּ אָבִיו וְאִמּוֹ וְקָרְעוּ בְּגָדָיו" אוּן זַיין טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע קוּמְט אוּן צֶערַייסְט אִים זַיינֶע שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, "וְהִכּוּהוּ עַל רֹאשׁוֹ" זֵיי שְׁלָאגְן אִים אִין קָאפּ, "וְיָרְקוּ בְּפָנָיו" זֵיי שְׁפֵּייעֶן אוֹיף אִים - "לֹא יַכְלִים אוֹתָם" טָאר מֶען זֵיי נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, "אֶלָּא יִשְׁתֹּק" מֶען דַארְף שְׁוַוייגְן, "וְיִירָא מִן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים שֶׁצִּוָּהוּ בְּכַךְ" אוּן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן מוֹרָא הָאבְּן פוּן זֵיי; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט אוּנְז מוֹרָא הָאבְּן אֲפִילוּ וֶוען דִי עֶלְטֶערְן פַּיינִיגְן, אֲפִילוּ וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְטֶע; קִינְדֶער טָארְן נִישְׁט רֶעדְן קֶעגְן עֶלְטֶערְן, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין.

קֵיינֶער בַּארֶעכְטִיגְט נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען אַכְזָרִים צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיב קִינְדֶער הָאבְּן עֶלְטֶערְן וָואס פִירְן זִיךְ אוֹיף מִיט אַכְזָרִיּוּת, וָואס גֶעוֶועהנְלִיךְ מַאכְט זִיךְ דָאס בַּיי עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט גֵייסְטִיש, בַּיי דֶעם זָאגְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פִּינְקְטְלִיךְ וָואס צוּ טוּן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דֶער מְחַבֵּר זָאגְט (שָׁם, סְעִיף י): "מִי שֶׁנִּטְרְפָה דַּעַת אָבִיו אוֹ אִמּוֹ" אוֹיב דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ בַּארִירְט גֶעוָוארְן, "מִשְׁתַּדֵּל לִנְהֹג עִמָּהֶם" דַארְפְן דִי קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן זֵיי מְכַבֵּד זַיין, "כְּפִי דַּעְתָּם" לוֹיט זֵייעֶר וֶועג, "עַד שֶׁיְּרוּחָם עֲלֵיהֶם" בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ מְרַחֵם זַיין אוֹיף זֵיי, "וְאִם אִי אֶפְשָׁר

לוֹ לַעֲמוֹד" און אויב איז נישט מֶעגְלִיךְ צו זַיין מִיט זֵיי, "מִפְּנֵי שֶׁנִּשְׁתַּגְּעוּ בְּיוֹתֵר" ווייל זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט בַּיים זִינֶען, "יֵלֵךְ לוֹ וְיַנִּיחֵם" זָאלְן דִי קִינְדֶער אַוֶועקְגֵיין פון זֵיי, "וִיצַוֶּה לַאֲחֵרִים לְנַהֲגָם כָּרָאוּי" און דִי קִינְדֶער זָאלְן בֶּעטְן אַנְדֶערֶע זָאלְן זֵיי בַּאדִינֶען.

וואויל אִיז דֶעם וָואס פִּירְט זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צו דִי עֶלְטֶערְן, וֶועט עֶר עֶסְן דִי פֵּירוֹת, דִי גוּטֶע שְׂכַר - אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף נִישְׁט דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה, דַארְף עֶר דֶען מַיין תְּפִלִּין?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וואו אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער? חִיזוּק אַרְבֶּעט שׁוֹין נִישְׁט פַאר מִיר, עֶס הָאט נָאר גֶעאַרְבֶּעט בִּיז דִי אַכְט און צְוָואנְצִיג יָאר, יֶעצְט וֶוען אִיךְ וֶוער שׁוֹין בַּאלְד דְרַייסִיג יָאר אַרְבֶּעט מֶער נִישְׁט קַיין חִיזוּק.

אִיךְ מֵיין עֶס אִיז דֶערְנָאךְ, אִיךְ זוּךְ אֶפְשָׁר אַ חֶלְקָה אִין דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר בֵּית הַחַיִּים, דִי "עֶכְטֶע בֵּית הַחַיִּים", אֶפְשָׁר דָארְטְן אִיז דָא מֶער חִיזוּק פַאר מִיר.

אִיךְ בִּין אַזוֹי אַלֵיין, אִיךְ וֵייס נִישְׁט צִי עֶס אִיז דָא נָאךְ אֵיינֶער וָואס אִיז אַזוֹי אַלֵיין ווִי מִיר; מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט וֵוייניגֶער ווִי אִין אַ שְׁטְרֶענְגֶע פַארְמַאכְטֶע תְּפִיסָה. אִיךְ ווִיל מְזַכֶּה זַיין דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיט דִי מִצְוָה פון פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם, אוֹיב עֶס אִיז בִּכְלַל שַׁיָּיךְ.

אִיךְ הָאב מוֹרָא אַז צוּלִיב מַיין פַארְמַאכְטְקֵייט און דָאס נִישְׁט הַאלְטְן פון זִיךְ ווייל אִיךְ הָאב קֵיינְמָאל גֶעהַאט נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע טַאטֶע און מַאמֶע - בִּין אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען גְרֵייט חֲתוּנָה צו הָאבְּן. אָבֶּער אִיז עֶס דֶען מַיין שׁוּלְד? אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעהַאט קֵיינְמָאל אַ בְּחִירָה בִּכְלַל צו קֶענֶען לֶעבְּן ווִי אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ און אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, יֶעצְט קֶען אִיךְ נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן - אִיז "לָמָּה לִי חַיִּים?!" כָּל שֶׁכֵּן אַז מַיין חַיִּים אִיז נִישְׁט קַיין חַיִּים, פַארְוָואס דַארְף אִיךְ דָאס?

גֶעוויסֶע מְקֻבָּלִים זָאגְן מִיר אַז עֶס אִיז נִישְׁט מַיין שׁוּלְד, עֶס אִיז מַיין מַאמֶע וָואס הָאט מִיר חָרוּב גֶעמַאכְט מַיין לֶעבְן, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶר אַן אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע שְׁטוּב; זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין עֵצָה פַאר מִיר, נָאר זֵיי זָאגְן דֶעם אֱמֶת אִין פָּנִים אַרַיין. אִיךְ מֵיין נָאר צוּ בְּרֶענְגֶען אַ רַאיָ', אוֹיבּ אִיךְ בִּין זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג מַסְבִּיר - אַז זֵיי זֶעעֶן דִי מְצִיאוּת.

אִיךְ גֶעבּ אַוֶועק מַיין תְּפִילִין, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דֶעם; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט מִיר נִישְׁט מְקַיֵּים זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה, מֵיין אִיךְ אַז עֶר דַארְף אוֹיךְ נִישְׁט דִי מִצְוָה פוּן תְּפִילִין פוּן מִיר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**
**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לֵיינֶענְדִיג דַיינֶע וֶוערְטֶער דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"ש זָאגְט: "אֵין צַעַר כְּצַעֲרוֹ שֶׁל בָּחוּר", נִישְׁטָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַזַא וֵוייטָאג וִוי דִי וֵוייטָאג פוּן אַ בָּחוּר; קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער. דִי לֶעבְּן אִיז אִים נִישְׁט וֶוערְד, עֶס פֶעלְט אִים אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): "כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, עֶר לֶעבְּט אַלֵיינְס אָן אַ וַוייבּ - "שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה", דֶער לֶעבְּט אָן קַיין שִׂמְחָה, "בְּלֹא בְּרָכָה", דֶער לֶעבְּט אָן קַיין בְּרָכוֹת, "בְּלֹא טוֹבָה", דֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֵיינְט גוּט, "בְּלֹא תּוֹרָה", מֶען הָאט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, "בְּלֹא חוֹמָה", מֶען לֶעבְּט אָן קַיין מוֹיעֶר, "בְּלֹא שָׁלוֹם", אָן קַיין פְרִידְן; דִי אַלֶע זַאכְן הָאט מֶען נִישְׁט פַאר דִי חֲתוּנָה. דֶער מֶדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ב) לֵייגְט צוּ נָאךְ זַאכְן וָואס פֶעלְט פַאר'ן חֲתוּנָה הָאבְּן: "בְּלֹא עֵזֶר", מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הֶעלְפֶער, "בְּלֹא כַּפָּרָה", מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פַארְצֵייעֶר, "בְּלֹא חַיִּים", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין לֶעבְּן.

קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער, וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אִים; אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען מֶעג אַרַיינְפַאלְן אִין יֵאוּשׁ, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ 'חִיזּוּק הֶעלְפְט שׁוֹין נִישְׁט', עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת וָואס

דוּ שְׁרַייבְּסְט: "חִיזּוּק אַרְבֶּעט שׁוֹין נִישְׁט פַאר מִיר"; צִי דֶען הָאסְטוּ פַארְגֶעסְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיט זַיין גַאנְצֶע כֹּחַ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עח): "גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ! קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען!" אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט נִישְׁטָא קַיין יֵאוּשׁ - מֵיינְט דָאס אַלֶעמֶען, דֶער רֶבִּי הָאט דָאס דִיר אוֹיךְ גֶעזָאגְט, דֶער רֶבִּי הָאט דִיר אוֹיךְ גֶעמֵיינְט.

רֶעד זִיךְ נִישְׁט אַיין אַז אִין קֵבֶר וֶועט דִיר זַיין בֶּעסֶער; דִי צַעַר אוּן וֵוייטָאג אִין קֵבֶר אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ, וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר יֶעצְט - אִיז דָאס נָאר אַ מָשָׁל צוּ דִי צַעַר וָואס אִיז דָא אִין קֵבֶר. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פד) אוֹיף דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ד, כב): "וְאַל יַבְטִיחֲךָ יִצְרְךָ", דֶער יֵצֶר הָרָע זָאל דִיר נִישְׁט אָפְּנַארְן, "שֶׁהַשְּׁאוֹל וְהַקֶּבֶר בֵּית מָנוֹס לָךְ", אַז דֶער קֵבֶר אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען; דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז אַ מֶענְטְשׁ פַארְנוּמֶען, עֶס קֶען זַיין מֶען זָאל כַאפְּן אַ בִּיס פוּן אַ וָוארֶעם אָדֶער אַ פְלִיג אוּן מֶען זָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן דֶעם בִּיס, וַוייל מֶען אִיז אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן, אָבֶּער אִין קֵבֶר אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם טִרְדוֹת אוּן מַחֲשָׁבוֹת וָואס זָאל אַוֶועקְנֶעמֶען דִי קָאפּ פוּן הֶערְן וִוי דִי וֶוערִים קְרִיכְן אוּן בַּייסְן, דָארְט הֶערְט מֶען יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע רִיר וָואס דִי וֶוערִים קְרִיכְן אוּן בַּייסְן; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי צַעַר אִין קֵבֶר וֶוען מֶען הֶערְט יֶעדֶע בִּיס פוּן דִי וֶוערִים אוּן דִי צַעַר פוּן שְׁפִּירְן וִוי זֵיי קְרִיכְן.

וָואס אִיז יָא דִי עֵצָה? דִי עֵצָה אִיז - זָאלְסְט זוּכְן אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ וואוּ מֶענְטְשְׁן גֶעפוּנֶען זִיךְ נִישְׁט, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר - אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ בִּיסְט צוּגֶעווָאוֹינְט צוּ רֶעדְן; זָאלְסְט אִים בֶּעטְן בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, זָאלְסְט נִישְׁט מִיד וֶוערְן; זָאלְסְט דָאס טוּן טָאג נָאךְ טָאג מִיט סַבְלָנוּת, אֲפִילוּ עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף דִיר שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין דִיר אוּן דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ, זָאלְסְטוּ מִיט עַקְשָׁנוּת וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. דֶער קֵבֶר אִיז נִישְׁט קַיין הָאפֶענוּנְג, דֶער רֶבִּי אִיז אַן הָאפֶענוּנְג, דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, פוּן

הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה - דָאס אִיז אַ בֵּית מָנוֹס, אַ פְּלַאץ וואו מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן.

עַל כֵּן מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, נֶעם אָן מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִּיר, גֵּיי שׁוֹין יֶעצְט אִין אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ. וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִּיר. קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן טַעְנָה'ן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּק וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פַּרְשַׁת בָּלָק, קצה.) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "לֹא בָעֵינָא הָכָא בֵּי דִינָא דִּידוּנוּן בֵּינָנָא", וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט מִיט זַיינֶע טַעֲנוֹת צוּ מִיר - ווִיל אִיךְ נִישְׁט בֵּית דִּין שֶׁל מַעֲלָה זָאל זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן, "אֲנָא וְהוּא בִּלְחוֹדָנָא", אִיךְ ווִיל זַיין אַלֵיינְס מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, "וְלֵית תְּיאוּבְתָּא לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא כַּד מְקַבֵּל לוֹן וְאוֹשְׁדוּ קַמֵּיהּ", נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע פַארְגֶענוּגְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַאר אִים, "דְּהָא כָּל נְטוּרֵי תַּרְעִין לָא שַׁבְקִין הָכִי לְמֵיעַל כְּמָה דְשַׁבְקִין לְמִסְכְּנִין", אַלֶע טִירְן פוּן הִימְל זֶענֶען אָפְן פַאר אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דְּהָא בְּלָא רְשׁוּתָא עָאֲלִין", אוּן זַיינֶע תְּפִילּוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף אָן קַיין רְשׁוּת; דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין אַ ווִינְקְל וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר פַארְצֵיילְט אִים אַלֶעס - דִּי תְּפִילּוֹת גֵייעֶן גְלַייךְ אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט פַאר אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ שְׁנֶעלֶער ווִי עֶר עֶנְטְפֶערְט פַאר דֶעם גְרֶעסְטְן צַדִּיק.

דוּ בִּיסְט אִין כַּעַס אוֹיף דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף זֵיי; אִיךְ וֵייס נִישְׁט אוֹיבּ דַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף זֵיי וֶועט דִיר עֶפֶּעס הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן. גֶעדֶענְקְסְט אַוַודַאי דִּי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יא), מִיטְ'ן בֶּן מֶלֶךְ וָואס מֶען הָאט פַארְבִּיטְן אוּן פַארְטְרִיבְּן; עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר בְּרוֹגֶז, הַיִתָּכֵן עֶר דַארְף אַנְטְלוֹיפְן, עֶר קֶען נִישְׁט זַיין אִין שְׁטוּבּ; עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט: "מִמָּה נַפְשָׁךְ קוּמְט מִיר נִישְׁט אַזַא שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן; בִּין אִיךְ דֶער בֶּן מֶלֶךְ - קוּמְט מִיר צוּ זַיין קֶענִיג, בִּין אִיךְ אַ בֶּן הַשִּׁפְחָה - קוּמְט מִיר אוֹיךְ נִישְׁט צוּ זַיין אַ פַארְטְרִיבֶּענֶער"; אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען שִׁיכּוֹרְ'ן אוּן

גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁמוּץ פְּלֶעצֶער טוּן עֲבֵירוֹת, נָאכְדֶעם הָאט עֶר תְּשׁוּבָה גֶעטוּן; עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט 'אוֹיבּ עֶס אִיז יָא אַזוֹי, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען פַארְבַּייטְן אַ בֶּן מֶלֶךְ - מֶעג אִיךְ זִיךְ אַזוֹי אוֹיפְפִירְן, שִׁיכּוֹר'ן אוּן טוּן עֲבֵירוֹת?! אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְן אַזַא שְׁוֶוערֶע לֶעבְן - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ אִיךְ זָאל טוּן עֲבֵירוֹת'; עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ וֶוערְן מֶלֶךְ. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ מֶען אִיז מְקַבֵּל אַלֶעס בְּאַהֲבָה, מֶען נֶעמְט אָן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט; אַנְשְׁטָאט הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן, אַנְשְׁטָאט הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אִיז מֶען אַלֶעס מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה - דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

לָאז אָפּ דִי אַלֶע וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ מְקֻבָּלִים; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט: וֶוער אִיז אַ בַּעַל מְקוּבָּל? ווִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן וֶוער עֶס אִיז אַ מְקוּבָּל? וֶוער זָאגְט אַז יֶענֶער אִיז אַ צַדִיק, אֶפְשָׁר אִיז עֶר אַ בְּלָאפֶער? מוֹהֲרָא"ש לֵייגְט דָאס אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:) מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא: "מִנַּיִן אַתָּה יוֹדֵעַ", פוּן ווִי קֶען מֶען ווִיסְן אוֹיף אֵיינֶעם אוֹיבּ עֶר אִיז אַן אֱמֶת'ֶער בַּעַל מְקוּבָּל אָדֶער נִישְׁט? "אָמַר לָהֶם, אִם שְׁגוּרָה תְּפִלָּתִי בְּפִי", הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: אוֹיבּ לֵייגְט עֶר אַרַיין אִין מִיר תְּפִלָּה, עֶר רֶעדְט פוּן תְּפִלָּה אוּן שְׁטַארְקְט מִיר צוּ מִתְפַּלֵל זַיין, "יוֹדֵעַ אֲנִי שֶׁהוּא מְקֻבָּל", דֶעמָאלְט וֵוייס אִיךְ אַז עֶר אִיז אַ מְקוּבָּל, "וְאִם לָאו", אָבֶּער אוֹיבּ רֶעדְט עֶר נִישְׁט פוּן תְּפִלָּה, "יוֹדֵעַ אֲנִי שֶׁהוּא מְטֹרָף", וֵוייס אִיךְ אַז עֶר אִיז אַ צֶעדְרֵייטֶער, אַ מְשׁוּגָע'נֶער, עֶר אִיז וַוייט פוּן זַיין אַ מְקוּבָּל; אַז מְקֻבָּלִים זָאגְן דִיר: "דַיין טַאטֶע אִיז דִיר שׁוּלְדִיג, דַיין מַאמֶע אִיז דִיר שׁוּלְדִיג!" פַאר דֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט זַיין אַ מְקוּבָּל, וַוארְפְן אַ שׁוּלְד אוֹיף עֶלְטֶערְן - דָאס וֶועט דִיר יֶעדֶע טֶערֶעפִּיסְט זָאגְן מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן; זַיי זִיכֶער אַז דֶער וָואס פַארְרוּפְט זִיךְ 'מְקוּבָּל' הָאט אוֹיךְ טַעֲנוֹת אוֹיף זַיינֶע עֶלְטֶערְן. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, לָאז אָפּ דִי אַלֶע וָואס גִיסְן אוֹיל צוּ דִי פַייעֶר, מֶען הֶעצְט דִיר אוֹיף, דֶער אִיז שׁוּלְדִיג, יֶענֶער אִיז שׁוּלְדִיג; דָאס הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט, עֶס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער.

טוּ וָואס דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט גֶעטוּן, זָאג דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט: אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי עֶלְטֶערְן - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ אִיךְ זָאל זַיין דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט, אִיךְ וֶועל תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ וֶועל אָנְטוּן תְּפִלִּין אוּן טוּן אַלֶע מִצְוֹת בְּשִׂמְחָה.

וַוארְף נִישְׁט אַוֶועק דַיינֶע הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין; נֶעם דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין, גֵיי אִין שׁוּל אוּן גֶעבּ דָאס אַ קוּשׁ, בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּארְ'ן שְׁרַייבְּן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער, אֲפִילוּ בְּדֶרֶךְ לֵיצָנוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מד): "כִּי עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, בָּרוּךְ הוּא, אָסוּר לוֹמַר דִּבְרֵי הֲלָצוֹת אֲפִלּוּ בְּדֶרֶךְ שְׂחוֹק", אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן קַיין וֶוערְטְלֶעךְ, אוּן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט זָאגְן קַיין וֶוערְטְלֶעךְ.

אַז דוּ וֶועסְט טוּן וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם בְּרִיוו - וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב שְׁטֵיין אוּנְטֶער דִי חוּפָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶעג מֶען טְרִינְקֶען סָאדֶע וָואס הָאט נָאר אַן אָה-יוּ (ou) הֶכְשֵׁר?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶעג מֶען טְרִינְקֶען סָאדֶע וָואס הָאט נָאר אַן אָה-יוּ (ou) הֶכְשֵׁר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָא הָאסְטוּ אַ בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא"ש, וואוּ עֶר זָאגְט מֶען זָאל נָאר טְרִינְקֶען אוּן נָאר עֶסְן מִיט גוּטֶע הֶכְשֵׁרִים:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, יוֹם ה׳ לְסֵדֶר וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת ה׳תשע״ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּיטֶערְן בְּרִיווּ.

אִיךְ מוּז מְקַצֵּר זַיין, וָוארוּם אִיךְ פַּאסְט זֵייעֶר שְׁוֶוער וְכוּ׳.

בְּעִנְיַן מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת וְכוּ׳, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן הַיינְטִיגֶע צַייטְן נִישְׁט קוֹיפְן קַיין שׁוּם מַאֲכָל וָואס עֶס הָאט אוֹיף דֶעם אַ חֲשַׁשׁ דְחֲשַׁשׁ וְכוּ׳, אַ סָפֵק אוּן אַ סָפֵק סְפֵיקָא וְכוּ׳ פוּן עֶפֶּעס אַן אִיסוּר פוּן מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּץ צוּ קוֹיפְן אַ מַאֲכָל אַבִּי וָואס וְכוּ׳ אֲפִילוּ מִיט אַן הֶכְשֵׁר פוּן ״אָהּ יוּ״ OU וָואס דָאס אִיז בַּאוואוּסְט נָאר אַן הֶכְשֵׁר בְּדִיעֶבֶד דְבְדִיעֶבֶד וְכוּ׳, אוּן אוֹיכֶעט נָאר פַּארֶעוֶוע זַאכְן וָואס סְ׳וֶוערְט נִישְׁט אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִין דֶעם קַיין שׁוּם חָלָב עַכּוּ״ם אָדֶער חָלִילָה וְחַס בָּשָׂר טְרֵיפוֹת, אָבֶער אַזוֹי טָאר מֶען דָאס נִישְׁט נִיצְן, ״אָהּ יוּ״ OU אִיז אַן הֶכְשֵׁר בְּדִיעֶבֶד שֶׁבְּדִיעֶבֶד אוֹיכֶעט נָאר אוֹיף אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס מֶען וֵוייסְט זִיכֶער אַז סְ׳וֶוערְט אִין דֶעם גָארְנִישְׁט אַרַיינְגֶעמִישְׁט וְכוּ׳ וְכוּ׳.

הַיינְט קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַלֶע מַאֲכָלִים מִיט דִי בֶּעסְטֶע הֶכְשֵׁרִים פוּן עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים יִרְאֵי הַשֵּׁם.

אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶער אוּן מֶער, וַוייל דָארְטְן זֶענֶען זֵיי אִינְטֶערֶעסִירְט מַכְשִׁיל צוּ זַיין אִידְן מִיט מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, וָוארוּם דֶער רַמְבַּ״ם בְּרֶענְגְט (אִגֶּרֶת תֵּימָן) דָאס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ עֶסְט טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת אִיז אִים שׁוֹין שְׁוֶוער מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי אֱמוּנָה, אִיבֶּערְדֶעם אִיז גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַארְפְלֵייצְט מִיט נְבֵילוֹת אוּן טְרֵיפוֹת פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, בְּשַׂר הַשְׁפַנִים וְהַחֲזִירִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אַלֶעס בְּהֶכְשֵׁר פוּן דִי ׳רַבָּנוּת׳ וְכוּ׳, אוּן דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גוּזְמָא, וֶוער סְ׳וואוֹינְט אִין יַבְנְאֵל אוּן זֶעט וָואס דָארְטְן טוּט זִיךְ אָפּ מִיט דִי רַע-הַמְקוֹמִי (מִיטְ׳ן ׳שְׁטְרָאף׳ פוּן שְׁטֶעטְל), וָואסֶערֶע הֶכְשֵׁרִים עֶר גֶעבְּט אוֹיף טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת, אִיז שׁוֹין נִישְׁט קַיין ווּאוּנְדֶער, אִיבֶּערְדֶעם אִיז נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּץ הַיינְטִיגֶע צַייטְן צוּ קוֹיפְן אַ מַאֲכָל אָן אַן הֶכְשֵׁר פוּן אַן עֶרְלִיכְן רָב, סְ׳אִיז דָא !

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֲכִילָה, חֵלֶק ב׳, סִימָן י׳) מִי שֶׁנִּזְהָר מִמַּאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, הוּא נִצּוֹל מֵחַיּוֹת רָעוֹת; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט עֶסְן קַיין שׁוּם מַאֲכָל וָואס עֶס אִיז דָא אִין דֶעם אַ פִּקְפּוּק וְכוּ׳, אֲפִילוּ סָאדֶע אִיז נִישְׁט גְלַייךְ צוּ קוֹיפְן נָאר מִיט אַן הֵיימִישְׁן הֶכְשֵׁר ! מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיפְ׳ן "אָהּ יוּ" OU, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת דַּעַת, סִימָן כ"ב) מִי שֶׁיִּשְׁמוֹר אֶת עַצְמוֹ מִבִּשּׁוּלֵי עַכּוּ"ם וּמִנֶּסֶךְ, זוֹכֶה לְחָכְמָה וּמֵבִין בְּכָל סֵפֶר ; דֶערְפַאר זֶעט מֶען עֶס אִיז דָא לֵיידֶער אַזוֹיפִיל קִינְדֶער וָואס דֶער קָאפּ אִיז פַארְשְׁטָאפְּט, אַלֶעס וַוייל דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט נִזְהָר גֶעוֶוען מִיט מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, אוּן מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין שְׁטוּבּ עֶסְנְוַוארְג אָן קַיין שׁוּם הֶכְשֵׁר וְכוּ׳, לֵיידֶער גֵייעֶן אַרוּיס אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ לְתַּרְבּוּת רָעָה, אַלֶעס וַוייל דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט נִזְהָר וָואס זֵיי בְּרֶענְגֶען אַרַיין אִין שְׁטוּבּ, מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת זֶענֶען מְטַמְטֵם אֶת הַלֵּב, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן, וּבִפְרַט פְלֵייש זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוֹיפְן, נָאר מִיט אַן הֵיימִישְׁן הֶכְשֵׁר, מִיט הֵיימִישֶׁע רַבָּנִים וָואס מֶען קֶען זֵיי, מְפוּרְסָם בְּיִרְאַת הַשֵּׁם, אוּן סְ׳אִיז הַיינְט דָא אַזֶעלְכֶע, אִיז פַארְוָואס דַארְף מֶען גֵיין קוֹיפְן פְלֵייש פוּן אַ פְּלַאץ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט זִיכֶער? אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, דוּ זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן פוּן הַיינְט אָן נִישְׁט עֶסְן קַיין שׁוּם מַאֲכָלִים וָואס זֵיי הָאבְן נִישְׁט קַיין הֶכְשֵׁר, אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועסְטוּ נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְן.

זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג מִיט אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.

נָאךְ אַ בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא"ש אוֹיף דֶעם עִנְיָן :

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יוֹם ג׳ לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב, כ׳ כִּסְלֵיו ה׳תשע"ג.

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, הַיינְט קֶען מֶען קוֹיפְן אַלֶע כָּשֵׁר׳ע פְּרָאדוּקְטְן מִיט דִי בֶּעסְטֶע הֶכְשֵׁר, פַארְוָואס דַארְף מֶען קוֹיפְן מִיט אַ מְפוּקְפָּק׳דִיגֶע הֶכְשֵׁר ? מִיט אַן אָהּ-יוּ, אֲפִילוּ סָאדֶע אִיז אוֹיךְ

נִישְׁט גְלַייךְ צוּ טְרִינְקֶן מִיט זֵייעֶר הֶכְשֵׁר וֶוען עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע גוּטֶע הֶכְשֵׁרִים פוּן הֵיימִישֶׁע עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וויפִיל מָאל אִיךְ דַארְף רֶעדְן פוּן דֶעם אוּן שְׁרַייבְּן פוּן דֶעם וְכוּ׳, וָואס מַאכְט מֶען דַוְקָא לְהַכְעִיס? צוּ דֶערְצֶערֶענֶען אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ס״ב) אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן יֶעדְן מַאֲכָל וָואס עֶס הָאט אִין זִיךְ אַ סְפֵק סְפֵיקָא פוּן אַן אִיסוּר, וָואס דָאס הֵייסְט אַ מַאֲכָל שֶׁלֹּא נִתְבָּרֵר, פְּרָאסְט אוּן פָּשׁוּט, סְ׳אִיז נָאכְנִישְׁט נִתְבָּרֵר גֶעוָוארְן אוֹיבּ סְ׳אִיז אִינְגַאנְצְן כָּשֵׁר, דָאס הֵייסְט בִּירוּר הַמַּאֲכָלִים וְכוּ׳, דֶעמָאלְט וֶוען אַ אִיד גִיט אַכְטוּנְג וָואס עֶר עֶסְט אוּן וָואס עֶר טְרִינְקְט זָאל הָאבְּן אַן הֵיימִישְׁן הֶכְשֵׁר פוּן עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים יִרְאֵי הַשֵּׁם דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה אַז פוּן זַיין עֶסְן וֶוערְט אַ יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ דַארְף פוּן דֶעם אַזוֹיפִיל רֶעדְן, הַיינְטִיגֶע צַייטְן קֶען מֶען גְרִינְג נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, נָאר וֶועגְן קַאלְטְקֵייט וְכוּ׳ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז קַאלְט ווִי אַייז צוּ אַ מִצְוָה, וָואס דָאס אִיז קְלִיפַּת עֲמָלֵק, וָואס עֶס שְׁטֵייט בַּיי אִים (דְּבָרִים כ״ה, י״ח) "אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ" עֶר קִילְט אָפּ פוּן אִידִישְׁקֵייט, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (מִדְרָשׁ אַגָּדָה) וֶוען אִידְן זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם יַם סוּף הָאבְּן אַלֶע אוּמוֹת הָעוֹלָם אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּ שְׁרֶעקְן פוּן דִי אִידְן, בִּיז סְ׳אִיז גֶעקוּמֶען עֲמָלֵק אוּן עֶר הָאט אַלֶעמֶען אָפְּגֶעקִילְט, אוּן זֵיי גְלַייכְן אִים צוּ, צוּ יֶענֶער עַזּוּת פָּנִים, סְ׳אִיז גֶעוֶוען אַן הֵייסֶע בָּאד אוּן אַלֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אוּן דֶער עַזּוּת פָּנִים הָאט אַרֵיינְגֶעטַאנְצְט אִין דִי קָאכֶעדִיגֶע בָּאד אוּן בַּאוִויזְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען קֶען יָא אָפְּקִילְן, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער גַאנְצֶער קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק׳ן אִיז אָפְּקִילְן אַ אִיד פוּן וַוארִימְקֵייט, אֲפִילוּ אַזַא קְלֵיינֶע זַאךְ וֶוען מֶען קֶען קוֹיפְן סָאדֶע מִיט כָּשֵׁרֶ׳ע הֶכְשֵׁרִים, וָואס דַארְף מֶען קוֹיפְן סָאדֶע מִיט מְפוּקְפָּקְ׳דִיגֶע הֶכְשֵׁרִים? עֶס אַזֵי בַּאוואוּסְט דָאס גֶעטְרַאנְק "קָאקָא קָאלֶע" אוּן "פֶּעפְּסִי קָאלֶע" הָאט נִישְׁט אִין אַמֶערִיקֶע קַיין שׁוּם הֶכְשֵׁר נָאר אָהּ-יוּ, נָאר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט דָאס אַן הֶכְשֵׁר פוּן בַּדַ״ץ עֵדָה הַחֲרֵדִית אוּן פוּן הָרַב לָאנְדָא, אָבֶער דָא אִין אַמֶערִיקֶע הָאט דָאס קַיין שׁוּם הֶכְשֵׁר נִישְׁט נָאר

פון אָהּ יָא, אִיז וָואס דַארְף מֶען דָאס טְרִינְקֶען? מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאגֶענִיגְן מִיט אַנְדֶערֶע עֶרְלֵיי סָאדֶע? וָואס הָאבְּן יָא אַ גוּטְן עֶרְלִיכְן הֶכְשֵׁר? וְכוּ', אִיךְ גֶעבּ נָאר דָאס אַ בֵּיישְׁפִּיל וִוי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַרְבֶּעט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַבִּי אִים אָפְּצוּקִילְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם עֶר אִיז דֶער שַׂר פוּן עֲמָלֵק'ן, אִיךְ הָאףְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט דָאס אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין הַארְץ אוּן דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי קַאלְטְקֵייט אִין אִידִישְׁקֵייט, דָאס אִיז קְלִיפַּת עֲמָלֵק וָואס סְ'קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אִידִישְׁקֵייט.

אַדְּרַבָּה מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דָאס אִיז אַלֵיין אַ מִלְחָמָה אַקֶעגְן עֲמָלֵק, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ח.) "לְךָ הֲוָיָ"ה הַמַּמְלָכָה" זוּ מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק; מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז מְגַלֶּה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִיט דֶעם אַלֵיין אִיז מֶען מַכְנִיעַ עֲמָלֵק'ן וָואס עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן עֶר מַאכְט קַאלְט דֶעם אִיד, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (מִדְרָשׁ שְׁמוּאֵל, י"ב) "לֵץ תַּכֶּה" זֶה עֲמָלֵק; דֶער גַאנְצֶער עֲמָלֵק אִיז גֶעוֶוען נָאר לֵיצָנוּת, אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן פוּן אִידִישֶׁע מִנְהָגִים, אוּן דֶעם עֲמָלֵק מוּזְן מִיר אוֹיסְרַייסְן אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל פוּן זִיךְ, אִיךְ הָאףְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט דַארְפְן מֶער פוּן דֶעם רֶעדְן, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן שְׁרַייבְּן.

זָאלְסְט וִויסְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶועג אִיז נָאר תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַן אֱמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנ"ד) אַז דֶער עִיקָר וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אִיז נָאר גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט וִוי אַ פְּרָאסְטִיק, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִּים, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ זָאל וִויסְן אִין דֶער יוּגְנְט צוּ וָואס מֶען קֶען קוּמֶען דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת דָאס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַ גַאנְץ יָאר וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן אִין אֵיין טָאג, אוּן עֶר

הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט נָאךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי אַ פְּרָאסְטֶער פָּשׁוּטֶ׳ער מֶענְטְשׁ.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער עֶר זָאל מָאלְן אַ בִּילְד ווִי אַ אִיד לִיגְט אִין בֶּעט מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע גֶעזִיכְט, אִין דִי זַייט אַ פֶענְסְטֶער מִיט אַ גֶעשְׁטַאלְט פוּן אַ דֶערְשְׁרָאקֶענֶע פְרוֹי, אוּן ווִי דֶער אִיד גְלֶעט זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת מִיט אַ שִׂמְחָה.

**אַ מְחַיֶ׳ פֵּאוֹת!**

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן פוּנֶעם גְרוֹיסֶע צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הֵיילְפְּרִין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; מִיר רוּפְן אִים רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער וַוייל עֶר שְׁטַאמְט פוּן אַ שְׁטָאט קַארְדוּן, אַ שְׁטֶעטְל אִין פּוֹילְן.

דֶער רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן דָארְט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט זַיין וַוייבּ גִיטְל עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם. עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָ׳, דָארְט הָאט עֶר גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר פְלֶעגְט גֵיין קַיין מִירוֹן, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אִין דִי מְעָרָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי טָאג אוּן נַאכְט, דָארְט הָאט עֶר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶועְן אוּן גֶעלֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים.

לֵיידֶער אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, דֶעמָאלְט הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַגֵיפָה, כָאלֶערֶע; זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן דֶעמָאלְט. זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער מָרְדְכַי אוּן אֶסְתֵּר זֶענֶען קְרַאנְק

גֶעוָוארְן אוּן זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ גֶעשְׁטָארְבְּן, אוֹיךְ זַיין וַוייבּ גִיטְל אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, עֶר הָאט אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי זָאל וֶוערְן גֶעזוּנְט אוּן זִי אִיז טַאקֶע גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן.

נָאכְדֶעם אִיז רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קְרַאנְק גֶעוָוארְן מִיט דִי מַחְלָה חוֹלִירַע; עֶר הָאט גֶעדַארְפְט לִיגְן אִין אַ לֵיידִיגֶע צִימֶער, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט דָארְט אַרַיינְגֵיין; עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן מִיט זַיין וַוייבּ דוּרְךְ אַ קְלֵיינֶע פֶענְסְטֶער. זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "יִשְׂרָאֵל, וָואס מַאכְסְטוּ? יִשְׂרָאֵל וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְסְטוּ זִיךְ?" הָאט עֶר אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן שְׁטַארְבְּן, אִיךְ הָאבּ אַ בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, אִיךְ דַאנְק גָאט אַז מַיין נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיס פוּן מִיר מִיט מַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת".

אַזוֹי הָאט דֶער צַדִּיק צוּרִיקְגֶעגֶעבְּן זַיין נְשָׁמָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען הָאט אִים בַּאעֶרְדִיגְט אִין דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָ'.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט בָּארְד אוּן פֵּאוֹת; מִיר דַארְפְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז מִיר הָאבְּן פֵּאוֹת, אוּן וֶוען מִיר וֶועלְן וֶוערְן עֶלְטֶער וֶועלְן מִיר אוֹיךְ הָאבְּן אַ הֵיילִיגֶע בָּארְד; מִיר וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּשְׁנַיידְן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע פֵּאוֹת אוּן דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ נִישְׁט צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב

דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פַאר דִי זוּמֶער וָואכְן פִירְן אוּנְזֶער חֵדֶר, דִי מְלַמְּדִים זֶענֶען אַזוֹי רוּאִיג אַז דוּ וֶועסְט זַיין זוּמֶער מִיט זֵיי.

נֶעכְטְן זָאגְט מִיר אַ מְלַמֵּד, מֶען אִיז זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען פַאר אַן אֲסִיפָה

אָנְגְרֵייטְן דִי לִימוּדִים פַארְ'ן זוּמֶער; אֵיידֶער דוּ בִּיסְט אָנְגֶעקוּמֶען אִיז גֶעוֶוען אַ צֶעמִישֶׁענִישׁ, אַ קַטְנוּת הַדַּעַת, אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען דֶערְשְׁרָאקְן; אַזוֹי וִוי דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס דֶער צִיל אוּנְזֶערֶע אִיז דֶעם זוּמֶער - שְׁמֵייכְלֶען צוּ דִי קִינְדֶער, גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן מוּטִיגְן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען - אִיז גֶעוָוארְן עֶפֶּעס אַ מִין רוּאִיגְקֵייט. אַלֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, אַלֶע זָאגְן "מִי יִתֵּן דֶער מְנַהֵל זָאל פַארְבְּלַייבְּן אִין שְׁטֶעטְל פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר".

אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ קוּמֶען וֶוען אִימֶער דוּ וֶועסְט מִיר בֶּעטְן צוּ רֶעדְן פַאר דִי מְלַמְּדִים חִיזוּק אוּן עֵצוֹת; דִי חֵדֶר אִיז בַּיי מִיר דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע, וִויכְטִיגֶער פוּן אַלֶעס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הוֹיבְּט אָן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר הַזּוֹהַר (הַקְדָּמָה א ע"ב): "וּמָאן מְקַיֵּם עָלְמָא" אוֹיף וֶועמֶענְס זְכוּת שְׁטֵייט דִי וֶועלְט? "וְגָרִים לַאֲבָהָן דְּאִתְגַּלְּיָן" וֶועמֶענְ'ס זְכוּת וֶועקְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים זֵיי זָאלְן בַּאשִׁיצְן דִי וֶועלְט? "קַל יְנוֹקֵי" דִי קוֹל פוּן דִי קִינְדֶער, "דְּלָעָאן בְּאוֹרַיְתָא" וָואס פְּלָאגְן זִיךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וּבְגִין אִנּוּן רַבְיָין דְּעָלְמָא" בִּזְכוּת דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, "עָלְמָא אִשְׁתְּזִיב" - וֶוערְט דִי וֶועלְט אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, "לָקֳבְלֵיהוֹן" אוֹיף זֵיי שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים א, יא): "תּוֹרֵי זָהָב נַעֲשֶׂה לָּךְ"; "אִלֵּין אִנּוּן יְנוֹקֵי רַבְיָין עוֹלְמִין" דִי יוּנְגֶע קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן אִין חֵדֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה, "דִּכְתִיב" וָואס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת כה, יח): "וְעָשִׂיתָ שְׁנַיִם כְּרוּבִים זָהָב".

לֵייג אַלֶעס אִין דִי זַייט, דִי מְלַמְּדִים מִיט דִי קִינְדֶער - דָאס אִיז דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע אוּן וִויכְטִיגְסְטֶע; זֶע דִי מְלַמְּדִים זָאלְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, דוּ אַלֵיינְס זָאלְסְט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וֶוען דִי מְלַמְּדִים הֶערְן צוּ, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן.

לֵיידֶער מַעֲשֶׂה שָׂטָן הִצְלִיחַ, אֲפִילוּ אִין דִי הֵיימִישֶׁע מוֹסְדוֹת אִיז דָא פַארְדְרֵייטֶע שִׁיטוֹת; מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם.

אוֹיף דֶעם זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (קֹהֶלֶת י, ג): "וְגַם בַּדֶּרֶךְ כְּשֶׁהַסָּכָל הֹלֵךְ לִבּוֹ חָסֵר", דֶער נַאר זָאגְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אִיךְ בִּין אַ נַאר, וִוי דֶער זוֹהַר הַקֹּדֶשׁ

זָאגְט (בְּרֵאשִׁית נט.): "אֲפִלּוּ כַּד שְׁמַע מִלָּה דִמְהֵימְנוּתָא דְמָארֵיהּ" אֲפִילוּ וֶוען עֶר הֶערְט וִויכְטִיגֶע זַאכְן, יְסוֹדוֹת פוּן אִידִישְׁקֵייט, יְסוֹד הָאֱמוּנָה, "הוּא אָמַר" זָאגְט עֶר, "דְּטִפְּשׁוּתָא הוּא לְאִשְׁתַּדְּלָא בֵּיהּ" עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם. "כְּהַאי דְשָׁאִילוּ לְבַר נָשׁ" אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה, מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אַ מֶענְטְשׁ - "עַל אָת קְיָימָא דִּרְשִׁימוּ בִּבְשָׂרֵיהּ דְּבַר נָשׁ" אוֹיפְ'ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ וָואס אִיז אַיינְגֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, "וְאָמַר, לָאו אִיהוּ מְהֵימְנוּתָא" הָאט עֶר גֶעזָאגְט עֶס אִיז נִישְׁט וִויכְטִיג, עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, "שָׁמַע רַב יֵיבָא סָבָא" וֶוען רַב יֵיבָא סָבָא הָאט דָאס גֶעהֶערְט, "וְאִסְתַּכַּל בֵּיהּ" הָאט עֶר גֶעקוּקְט אוֹיף אִים, "וְאִתְעֲבִיד תִּלָּא דְגַרְמֵי" אוּן יֶענֶער אִיז גֶעוָוארְן אַ בַּארְג בֵּיינֶער.

קֶען זַיין פְּשַׁט, מֶען פְרֶעגְט אַ מֶענְטְשׁ, אַ מְלַמֵד, אַ טַאטֶע: "פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ נִישְׁט צוּ דַיינֶע קִינְדֶער, דַיינֶע תַּלְמִידִים - פוּן קְדוּשַׁת הַבְּרִית? מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְן, מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן", עֶנְטְפֶערְט עֶר: "לָאו אִיהוּ מְהֵימְנוּתָא" עֶס אִיז נִישְׁט וִויכְטִיג, בַּיי אוּנְז רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן דֶעם; הָאט רַב יֵיבָא סָבָא גֶעזָאגְט: "עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְן פוּן דִיר"; אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ - פַאלְט מֶען אַרָאפּ פוּן אֱמוּנָה, מֶען הָאט קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה.

לָאז מִיר וִויסְן וֶוען צוּ קוּמֶען רֶעדְן צוּ דִי מְלַמְדִים.

...

### זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם אִין קָאנְטְרִי "אִילָן הַחַיִּים"

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן אַ גַאנְץ יָאר אִין חֵדֶר, אוּן אוֹיךְ יֶעצְט זוּמֶער הֶעלְפְסְטוּ דִי נֵייעֶ קָאנְטְרִי "אִילָן הַחַיִּים", אוֹיךְ וֶועסְטוּ אַהֶערְשְׁטֶעלְן דִי שֵׁיינֶע פְלֶעי וָואס דִי תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא שְׁטֶעלְן אַהֶער אִין דִי זוּמֶער וָואכְן.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אִין קַאנְטְרִי אוֹיפְ׳ן רֶבִּינְ׳ס גֶעלְט, זַיי מוֹדִיעַ דִי מִשְׁפָּחוֹת זֵיי זָאלְן נִישְׁט לָאזְן בְּרֶענֶען לֶעקְטֶער, עֶירְקָאנְדִישְׁן - וֶוען מֶען נוּצְט נִישְׁט דִי בָּאנְגֶעלָאו.

אוֹיךְ זָאל דִי פְּלַאץ זַיין רֵיין; אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ קָאנְטְרִי, אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ פְּלַאץ - מוּז זַיין רֵיין.

אוּן אוֹיךְ זֶע עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן עֶנְק.

...

## יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

...

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ מָרַת ... תִּחְיֶ׳ פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

...

## אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן וואוּ אִיר זָאלְט וואוֹינֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן הֶעלְפְן אִין סְקוּל אַזוֹי גֶעטְרֵיי, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אוּן מֹחַ צוּ זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע מִיט שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן אִין שְׁטֶעטְל; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין אַייךְ, אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן וואוּ אִיר זָאלְט וואוֹינֶען, אִיר זָאלְט טוּן וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן. מֶען קֶען זַיין אִין שְׁטֶעטְל, מֶען קֶען זַיין עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ; מֶען דַארְף אִיבֶּערָאל רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; וָואס דִי עֶלְטֶערְן גֶעבְּן אַייךְ זָאלְט אִיר נֶעמֶען מִיט שִׂמְחָה, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר אוֹיךְ שְׁפִּירְן דִי טַעַם פוּן גֶעבְּן מַתָּנוֹת פַאר קִינְדֶער;

עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט קַיין אִינְטֶערֶעסֶע, זֵיי ווילְן נָאר עֶס זָאל זַיין גוּט פַאר דִי קִינְדֶער.

...

## דֶער צִיל זָאל זַיין אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶ טִיטְשֶׁער פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אִין בֵּית פֵּיגָא.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר הָאבְּן פַאר זִיךְ אֵיין צִיל, דֶער צִיל זָאל זַיין: אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער; יֶעדֶע קִינְד זָאל שְׁפִּירְן אוּן וויסְן ׳אִיךְ קֶען יָא׳, ׳אִיךְ בִּין גוּט׳, ׳אִיךְ בִּין חָשׁוּב׳, ׳מַיין טִיטְשֶׁער הָאט מִיךְ לִיבּ׳, ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ׳; דָאס וֶועט פַּאסִירְן וֶוען אִיר וֶועט אַזוֹי גְלֵייבְּן, אַז דִי טִיטְשֶׁער הַאלְט פוּן דִי תַּלְמִידוֹת - הוֹיבְּן זֵיי אַלֵיינְס אָן צוּ הַאלְטְן אַזוֹי.

אִינְמִיטְן לֶערְנֶען זִינְגְט אַ גַאנְצְן צַייט: ״אַ מְחַיֶ׳ דוּ קֶענְסְט״, ״וַואוּ, דוּ קֶענְסְט אַזוֹי גוּט״; יֶעדֶע קִינְדְ׳ס נָאמֶען רוּפְט מֶען אוֹיס, קַארְגְט נִישְׁט בַּיי קָאמְפְּלִימֶענְטְן.

...

## אַ קִינְד הָאט אַ הַארְץ, עֶס וַוארְט אוֹיף אַ שְׁמֵייכְל, אַן אֱמֶתְ׳עֶ שְׁמֵייכְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

וֶוען אִיר גְרֵייט זִיךְ צוּ עֶנְטְפַאנְגֶען דִי תַּלְמִידוֹת אִין קֶעמְפּ מַחֲנֶה בֵּית פֵּיגָא, אִיר לֵייגְט אַרַיין קָאפּ אוּן מֹחַ אִין דִי טֶעכְנִישֶׁע חֲלָקִים, עֶס זָאל קְלַאפְּן הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט, זָאלְט אִיר אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז אוּנְזֶער מַטָּרָה, אוּנְזֶער צִיל אִיז, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ וַוארֶעמֶע אוּן אַ לִיבֶּע גֶעפִיל צוּם

בַּאשֶׁעפֶּער, אוּנְזֶער צִיל אִיז דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן מִיט גוּטֶע מִדּוֹת.

אֵיידֶער אִיר הוֹיבְּט אָן דֶעם טָאג מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן אַייעֶרע קִינְדֶער יָארְן, וָואס גֶעדֶענְקְט אִיר פוּן קֶעמְפּ? אִיר גֶעדֶענְקְט דִי מֶעכְטִיגֶע שְׁפִּילְן? דִי מֶעכְטִיגֶע טְרִיפְּס? אָדֶער דִי גוּט וָוארְט וָואס אַ קַאוּנְסְלֶער הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן? דִי גוּטֶע גֶעפִיל פוּן הֶערְן אַבִּיסְל וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה, וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט נֶעמֶען דֶעם בְּרִיוו אוֹיף דִי גוּטֶע וֶועג, נִישְׁט אִיר זָאלְט יֶעצְט אָפְּלָאזְן אַלֶע אַקְטִיוִויטֶעטְן אוּן מֶעכְטִיגֶע פְּלֶענֶער... נֵיין, מַאכְט וַוייטֶער אַלֶע פְּלֶענֶער, אוּן אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס וֶועט זִיךְ גוּט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, אָבֶּער גֶעדֶענְקְט דִי צִיל, גֶעדֶענְקְט דִי עִיקָר, גֶעדֶענְקְט וָואס אַ קִינְד אִיז; אַ קִינְד אִיז נִישְׁט קַיין מַאשִׁין, אַ קִינְד הָאט אַ הַארְץ, אַ מֹחַ - וָואס וַוארְט אוֹיף אַ שְׁמֵייכְל; נִישְׁט אַ גֶעמַאכְטֶע שְׁמֵייכְל, אַן אֱמֶתְ'עֶ שְׁמֵייכְל; אַ קִינְד הָאט אַ הַארְץ אוּן אַ מֹחַ וָואס וַוארְט אוֹיף אַ גוּט וָוארְט.

אַ קִינְד הָאט נַאטוּרְן וָואס מֶען דַארְף אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, אוּן וֶוען דָאס קִינְד פָּאלְגְט נִישְׁט גְלַייךְ - וֶוערְן זֵיי נָאכְנִישְׁט שְׁלֶעכְט, מֶען דַארְף זֵיי נָאכְאַמָאל זָאגְן.

דִי צִיל אִיז אוֹיסְלֶערְנֶען גוּטֶע מִדּוֹת; רוֹב צַייט זָאלְט אִיר רֶעדְן פוּן גוּטֶע מִדּוֹת. גְרֵייט אַייךְ אָן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן גוּטֶע מִדּוֹת, פוּן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן מִדּוֹת, ווִי שֵׁיין אוּן זִיס דִי לֶעבְּן וֶוערְט וֶוען מֶען אִיז מְוַתֵּר פַּאר אַ צְוֵוייטְן.

מִיר לֶערְנֶען אִין דִי גְמָרָא (יְבָמוֹת קכא.) דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַרְפוֹן הָאט דֶערְצֵיילְט, אִיךְ בִּין גֶעפָארְן אוֹיף אַ שִׁיף אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ווִי אַ צְוֵוייטֶע שִׁיף אִיז צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן, אוּן דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן. אוֹיפְ'ן שִׁיף אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא, עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר ווַיי גֶעטוּן אַז דֶער צַדִּיק הָאט זִיךְ דֶערְטְרָאנְקֶען, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן דֶעם צַדִּיק זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט 'ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ? אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעזֶען ווִי עֶר אִיז דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן!' אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט, זָאג מִיר דִי מַעֲשֶׂה, ווִי אַזוֹי הָאסְטוּ זִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט? הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ בְּרֶעט פוּנֶעם צֶעבְּרָאכֶענֶעם שִׁיף, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיף דִי

בְּרֶעט און יֶעדֶע מָאל עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ כְוַואלֶיע הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַיינְגֶעבּוֹיגְן דֶעם קָאפּ בִּיז עֶס אִיז אַרִיבֶּער, בִּיז אִיךְ בִּין גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן".

וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי גֶעשִׁיכְטֶע הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "אִם יָבוֹא רְשָׁעִים עַל אָדָם", אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּטוּן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן, "יְנַעְנֵעַ לָהֶם רֹאשׁוֹ", זָאל עֶר זִיךְ אַיינְבֵּייגְן זַיין קָאפּ, אַזוֹי וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן; און זִיכֶער אוֹיבּ מֶען לֶעבְּט מִיט גוּטֶע מֶענְטְשְׁן, מַאן און ווַייבּ, וָואס זֶענֶען נִישְׁט קַיין רְשָׁעִים, אָדֶער מֵיידְלֶעךְ אִין קֶעמְפּ - דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, און אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער - בֵּייגְט מֶען אַיין דֶעם קָאפּ, אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

אִיךְ וֶועל נָאךְ רֶעדְן מִיט אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא.

...

### אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן מִיטְלֶעבְּן מִיט דַיין שִׁיעוּר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד בְּנִי הָרַב ... שְׁלִיטָ"א**

וֶוען דוּ לֶערְנְסְט מִיט דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה דִי שִׁיעוּר גְמָרָא וַהֲלָכָה - זָאלְסְטוּ דָאס פָּארְלֶערְנֶען מִיט אַ חַיּוּת, אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן מִיט לֶעבְּן, יֶעדֶער לְפִי בְּחִינָתוֹ; אֲפִילוּ דִי בָּחוּרִים וָואס הַאלְטְן נִישְׁט אַזוֹי גוּט מִיט - זָאלְן אוֹיךְ אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן יֶעדֶע שִׁיעוּר מִיט יְדִיעוֹת הַתּוֹרָה און הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אַריינְשְׁלֶעפְּן מֶער און מֶער בָּחוּרִים צוּ דִי שִׁיעוּרִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה מט:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כו): "פִּיהָ פָּתְחָה בְחָכְמָה, וְתוֹרַת חֶסֶד עַל לְשׁוֹנָהּ", וָואס אִיז דָאס "תּוֹרַת חֶסֶד?" זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, אַז וֶוען אֵיינֶער לֶערְנְט תּוֹרָה "עַל מְנָת לְלַמְּדָהּ לַאֲחֵרִים", דָאס הֵייסְט תּוֹרַת חֶסֶד; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵגָה אִין לֶערְנֶען תּוֹרָה.

...

## מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ כֹּחַ צוּ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם מֶענְטְשׁ לְטוֹב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ...

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ כֹּחַ צוּ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם מֶענְטְשׁ לְטוֹב.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## וואוּיל אִיז דִי פְּרוּי וָואס הֶעלְפְּט אִיר מַאן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט זוֹכָה גֶעוֶועְן צוּ אַ מַאן אַ תַּלְמִיד חָכָם אַ יְרֵא שָׁמַיִם; עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט וֵויי טוּן וְכוּ', וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כו:): "תּוֹרָה מַתֶּשֶׁת כֹּחוֹ שֶׁל אָדָם", תּוֹרָה שְׁוַואכְט אָפּ וְכוּ'; אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער טֶעג וְכוּ' זָאל עֶס אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן, אַדְרַבָּה, אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר הֶעלְפְּט אִים לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

וואוּיל אִיז דִי פְּרוּי וָואס הֶעלְפְּט אִיר מַאן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, זִי פַּארְקוּקְט אוֹיף אִירֶע פַּארְגֶענוּגְן, אַבִּי אִיר מַאן זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען; וֶועט זִי זוֹכָה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא.

...

נָאכְאַמָאל, אִיר זָאלְט נִישְׁט מֵיינֶען אַז אַייעֶר מַאן הָאט אַייךְ נִישְׁט לִיבּ חַס וְשָׁלוֹם, עֶר הָאט אַייךְ זֵייעֶר לִיבּ, נָאר דִי לֶערְנֶען שְׁוַואכְט אִים אָפּ וְכוּ'.

...

### מֶעג מֶען זָאגְן תְּהִלִּים אִין סְווימִינְג פּוּל?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

...

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְּרַאגֶע, אוֹיבּ מֶען מֶעג זָאגְן תְּהִלִּים אִין דִי סְווימִינְג פּוּל; אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִינְגֶעלַייט אִין כּוֹלֵל הָאבְּן מִיר גֶעפְרֶעגְט מַיין זֵיידֶע, הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - אוֹיבּ מִיר קֶענֶען לֶערְנֶען אִינֶעוֵוייניג פוּן דִי מְחִיצָה בִּשְׁעַת מִיר טְרָאגְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער שְׁווימֶען; הָאט עֶר גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען אוּן זָאגְן תְּהִלִּים זַייעֶנְדִיג אִין דִי מְחִיצָה פוּנֶעם שְׁווימֶען, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין דִין פוּן אַ מֶרְחָץ. אוּן אַזוֹי פְלֶעג אִיךְ טוּן בִּשְׁעַתְ׳ן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף זַיין אָנְגֶעטוּן, מִיט רֵיינֶע הֶענְט.

וֶוען מֶען זָאגְט עָלֵינוּ לְשַׁבֵּחַ דַארְף מֶען שְׁטֵיין (רְמָ״א אוֹרַח חַיִּים סִימָן קלב, סְעִיף ב), אוֹיךְ אִיז דָא אַן הֲלָכָה אַז אַלֶע וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין שׁוּל וֶוען מֶען זָאגְט עָלֵינוּ - דַארְפְן מִיט זָאגְן שְׁטֵייעֶנְדִיג (עַיֵּין מִשְׁנָה בְּרוּרָה סִימָן סה, סְעִיף קָטָן ט; עוֹד יוֹסֵף חַי כִּי תִשָּׂא, אוֹת כב), וַוייל דִי תְּפִלָּה אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ׳עֶ תְּפִלָּה; יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט דָאס מְתַקֵּן גֶעוֶוען וֶוען עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי שְׁטָאט יְרִיחוֹ (מַחֲזִיק בְּרָכָה סִימָן קלב, סְעִיף קָטָן ב׳ מִתְּשׁוּבַת רַב הַאי גָּאוֹן).

...

### ווִי אַזוֹי דֶער מְלַמֵּד שְׁפִּירְט, אַזוֹי שְׁפִּירְן דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת יוֹאֵל

עֶס אִיז אַ מְחַיֶּ׳ צוּ זַיין בַּיי דִיר אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, מֶען שְׁפִּירְט דָארְט אֲוִיר אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען שְׁפִּירְט אַן אֲוִיר הַזָּךְ וְהַנָּח, אַ גוּטֶע לוּפְט, מֶען שְׁפִּירְט אִין דִי לוּפְט שִׂמְחָה; הַלְוַאי זָאל מֶען דָאס שְׁפִּירְן אִין אַלֶע כִּתּוֹת.

מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶע מְלַמְּדִים, סַיי אִין לִיבֶּערְטִי, סַיי

אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן אוֹיךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיינֶע מַעֲלוֹת, אָבֶּער דָאס וָואס מֶען שְׁפִּירְט בַּיי דִיר, דִי שִׂמְחָה - דָאס אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט; דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט צוּ דִי קִינְדֶער, אַזוֹי זִיס, הָאנִיגְדִיג, הַארְצִיג, צוּקֶערְדִיג.

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ, מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר גֶעזָאגְט, נִישְׁט אֵיין מָאל, נָאר אַפָּאר מָאל: "זֶע עֶס זָאל זַיין שִׂמְחָה צְווִישְׁן דַיינֶע תַּלְמִידִים, וַוייל אַז עֶס אִיז פְרֵייליךְ - אִיז דִי מֹחַ אָפְּן אָנְצוּנֶעמֶען וָואס מֶען לֶערְנְט".

אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן, וִוי אַזוֹי עֶר שְׁפִּירְט - שְׁפִּירְן דִי קִינְדֶער; אוֹיבּ פַּאר אִים אִיז דִי אַרְבֶּעט אַן אָפְּקוּמֶענִישׁ - אִיז פַּאר דִי קִינְדֶער אוֹיךְ אַן אָפְּקוּמֶענִישׁ, אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד שְׁפִּירְט אַ טַעַם אִין זַיין אַרְבֶּעט, עֶר הָאט הֲנָאָה צוּ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, בַּיי אִים אִיז דָאס אַ פַּארְגֶענוּגְן - הָאבְּן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ אַ טַעַם; דֶעמָאלְט גֵייט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ יִרְאַת שָׁמַיִם" וָואס אִיז אַ סִימָן פוּן יְרֵא שָׁמַיִם, אַ סִימָן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ? "דְּבָרָיו נִשְׁמָעִין", אַז דִי וֶוערְטֶער זַיינֶע גֵייעֶן אַרַיין.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ.

...

### דִי עֶרְשְׁטֶע תּוֹרָה פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן שֵׁיין אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוֹיף אִידִישׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בָּלָק, י"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעשִׁיקְט פַּאר ... דִי עֶרְשְׁטֶע תּוֹרָה פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן שֵׁיין אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוֹיף אִידִישׁ, מִיט דִי הַקְדָּמוֹת וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אִיךְ וֶועל יֶעצְט שְׁרַייבְּן דִי תְּפִלָּה, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרוֹיסְגֶעבְּן אִין קוּנְטְרֵסִים יֶעדֶע תּוֹרָה בַּאזוּנְדֶער אוּן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן.

הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען נִישְׁט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, זֵיי קוּקְן אוֹיף דֶעם אַזוֹי וִוי אַ קַבָּלָה סֵפֶר וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין; אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ סֵפֶר וָואס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ תְּשׁוּבָה, עֶס עֶפְנְט אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ גְרוּס פוּן דַיינֶע בָּחוּרִים, זֵיי לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, זֵיי פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

...

אַזוֹי שֵׁיין וֶוען אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי פִירְט דִי הוֹיז וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר אִיז זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן אַייךְ, עֶר זָאגְט אַז עֶס אִיז אִים אַזוֹי גוּט; אִיר מַאכְט דִי שְׁטוּבּ וִוירְטְשַׁאפְט, אִיר קָאכְט נַאכְטְמָאל; עֶר אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ זַייט אִיר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פִירְן דִי שְׁטוּבּ אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף.

אִיךְ וִויל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין טֶעלֶעפָאן מִיט סָאוֹשֶׁעל מִידִיעֶ, אִיר קֶענְט הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן צוּ רֶעדְן. טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשׁ אִיז שׁוֹין אוֹיךְ צוּפִיל; טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשׁ קֶענְט אִיר הָאבְּן זִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן מִיט אַייעֶר מַאן, אָבֶער מֶער פוּן דֶעם - אִיז שׁוֹין אוֹיךְ אִיבְּרִיג. וֶוערְט רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען זִיצְט טָאג אוּן נַאכְט אוֹיף דֶעם, מֶען שְׁרַייבְּט אִין דִי נַאכְט אַרַיין, מִיט גְרוּפְּ'ס - אִיז דָאס נִישְׁט גוּט.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶר לֶעבְּן, פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער; וַוייל וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים, אוּן מֶען קֶען שׁוֹין אוֹיךְ דָא שְׁפִּירְן טַעַם גַּן עֵדֶן.

...

**אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן פַּיינְטְשַׁאפְט, אִיךְ וֶוער פוּן דֶעם קְרַאנְק**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַארְ׳ן מוֹסָד, דוּ הֶעלְפְסְט מִיר זֵייעֶר גֶעטְרֵיי, אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט.

הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר אַז דוּ הָאסְט אִים הַיינְט גֶעשְׁלָאגְן, אִים אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן; אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז אִיךְ גְלֵייבּ דָאס נִישְׁט, זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל, הָאסְט אִים שׁוֹין גֶעשְׁלָאגְן אַפָּאר מָאל.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ וֶועל נָאךְ רֶעדְן מִיט דִיר, הֶערְן דַיין זַייט פוּן דִי מַעֲשֶׂה. אָבֶּער אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אוּן אוֹיךְ זָאלְן אַלֶע וָואס הֶערְן אוּן לֵיינֶען וָואס אִיךְ זָאג, הֶערְן: "אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן גֶעשְׁלֶעג, אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן פַּיינְטְשַׁאפְט, אִיךְ וֶוער פוּן דֶעם קְרַאנְק".

פָארִיגֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַזַא מַעֲשֶׂה, צְוֵויי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן זִיךְ צֶעשְׁלָאגְן; אִיךְ בִּין פוּן דֶעם מַמָּשׁ קְרַאנְק גֶעוָוארְן. עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען מִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, וִוי אֵיידֶער דַארְפְן שְׁלָאגְן אַ אִיד.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין נח:): "הַסּוֹטֵר לוֹעוֹ שֶׁל יִשְׂרָאֵל כְּאִילוּ סוֹטֵר לוֹעוֹ שֶׁל שְׁכִינָה", וֶוער עֶס שְׁלָאגְט אַ אִיד אִיז אַזוֹי וִוי עֶר שְׁלָאגְט כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ וֵוייס זֵייעֶר גוּט וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז מִיט בָּחוּרִים, אִיךְ הָאבּ דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם פְרַייטָאג גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַאר אַ בָּחוּר, עֶר הָאט אָנְגֶעצִינְדְן אַ פֵייעֶר מַמָּשׁ נֶעבְּן דִי יְשִׁיבָה; מִיר הָאט עֶס זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן אַז אִיךְ דַארְף פַּאטְשְׁן אַ אִיד, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז נָאר דִי שְׁפְּרַאךְ רֶעדְט צוּ אִים...

אָבֶּער דִיר בֶּעט אִיךְ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אוֹיבּ מֶען פָאלְגְט דִיךְ נִישְׁט - קוּם צוּ מִיר, אִיךְ וֶועל דִיר מְחַזֵּק זַיין.

אִיךְ זִיץ מִיט בָּחוּרִים קָרוֹב צוּ צְוָואנְצִיג יָאר, מֶען דַארְף הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוֶוען צוּ קֶענֶען זַיין מִיט זֵיי, אִיךְ הָאבּ צוּ דִיר אוֹיךְ גֶעהַאט אַסַאךְ סַבְלָנוּת אַלְס בָּחוּר.

בִּפְרַט דֶער בָּחוּר וָואס זָאגְט מִיר אַז דוּ שְׁלָאגְסְט אִים, עֶר קוּמְט פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּב, עֶס אִיז אַ ווּאוּנְדֶער אַז עֶר אִיז נָאךְ בַּיים זִינֶען; אִים דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

...

**מֶען דַארְף אַסַאךְ הֶערְן אוּן זָאגְן, בִּיז זַאכְן הוֹיבְּן זִיךְ אָן טוֹישְׁן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ וֶוען אִיר הֶערְט אַ שִׁיעוּר שְׁפִּירְט אִיר וִוי דִי שִׁיעוּר אִיז מַמָּשׁ פַּאר אַייךְ, אִיר טְרַאכְט אִיר גֵייט פָאלְגְן, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער פַארְגֶעסְט אִיר; אִיר דַארְפְט אַן עֵצָה.

וִויסְן זָאלְט אִיר, מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעטוֹישְׁט פוּן הֶערְן אֵיין שִׁיעוּר, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אַ נֵייעֶ מֶענְטְשׁ אִיבֶּער נַאכְט; דוּרְךְ הֶערְן אַסַאךְ שִׁיעוּרִים, דוּרְךְ הֶערְן אַסַאךְ חִיזּוּק אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹי טוֹישְׁט מֶען זִיךְ.

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא״שׁ; אִיךְ פְלֶעג שְׁפִּירְן בַּיים שִׁיעוּר וִוי אִיךְ בִּין אִין גַן עֵדֶן. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶערֶעדְט פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ פְלֶעג טְרַאכְטְן ׳וֶוען דִי שִׁיעוּר עֶנְדִיגְט זִיךְ, גֵיי אִיךְ גְלַייךְ פָאלְגְן דִי עֵצוֹת, אִיךְ גֵיי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳. אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ לֵיל שִׁישִׁי, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעהֶערְט, אוּן אַ וָואךְ נָאכְדֶעם נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בִּיז אֵיין טָאג אִיז גֶעשֶׁען דִי גְרוֹיסֶע נֵס, מַיין מוֹיל הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט; אַזוֹי וֶועט זַיין מִיט אַייךְ, אַז אִיר וֶועט קוּמֶען הֶערְן נָאךְ אוּן נָאךְ שִׁיעוּרִים - וֶועט אִיר זֶען וִוי אִיר וֶועט זִיךְ אִינְגַאנְצְן טוֹישְׁן צוּם גוּטְן.

אַז אַייעֶר קִינְד זָאגְט עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ לֵיינֶען, זֶען - זָאלְט אִיר גֵיין צוּם אוֹיגְן דָאקְטֶער, אוּן אַז דֶער דָאקְטֶער זָאגְט מֶען דַארְף גְלֶעזֶער - זָאלְט אִיר אַזוֹי טוּן.

בְּנוֹגֵעַ פַּארְרֶעכְטְן דִי צִינְג וְכוּ׳; גֵייט צוּם דָאקְטֶער, עֶס אִיז אַ קְלֵיינֶע פְּרָאצֶעדוּר. יֶעצְט אַז אַייעֶר קִינְד אִיז שׁוֹין דֶערְוַואקְסְן - דַארְף מֶען שׁוֹין פָּארְן קַיין אָלְבֶּענִי, אַיינְשְׁלֶעפְן וְכוּ׳, וָוען מֶען טוּט דָאס אִין אָנְהוֹיב - אִיז דָאס מַמָּשׁ אַ קְלֵיינִיקֵייט.

בְּנוֹגֵעַ קִינְדֶער וָואס טְשֶׁעפֶּען זִיךְ, אִיר שְׁפִּירְט וִוי עֶס טְרֶעט אַייךְ צוּ צוּם גֶעזוּנְט; אַזוֹי אִיז בַּיי אַלֶעמֶען, דִי עֵצָה אִיז מְחַנֵּךְ זַיין נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. אוֹיךְ דַארְף מֶען גֶעבְּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פַארְ׳ן עֶלְטֶערֶער וָואס טְשֶׁעפֶּעט דִי יוּנְגֶערֶע, אַז דִי עֶלְטֶערֶע זֶענֶען זַאט פוּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט - טְשֶׁעפֶּעט מֶען נִישְׁט.

בְּנוֹגֵעַ דֶענִים וְכוּ׳; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל לִיב הָאבְּן דִי אֵיידֶעלֶע וֶועג אוּן בְּרֶעכְן פוּן דִי אוּמּוֹת הָעוֹלָם, מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת בַּאקוּמְט מֶען אַ גֶעפִיל אִין צְנִיעוּת, מֶען וֵוייסְט וָואס יָא אוּן וָואס נִישְׁט, אוּן וָואס אִיז בֶּעסֶער; אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט אוֹיף דִי זַאכְן, דָאס הָאט מִיטְ׳ן מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין, עֶרְצִיעֶן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן זֶען אַסַאךְ נַחַת.

...

## ווּאוּ עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם, אִיז דִי שְׁכִינָה דָארְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דִי שְׁכִינָה רוּט צְוִוישְׁן עֶנְק, עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם; דָארְט ווּאוּ עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם - אִיז דִי שְׁכִינָה דָארְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם

לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת י.) דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אִיז 'שָׁלוֹם'.

נָאכְן הֶערְן טָאג אוּן נַאכְט יֶעדְנְ'ס קְרֶעכְצְן אִיז גוּט צוּ לֵיינֶען אַ פַּאזֶעטִיוֶוע בְּרִיוו אוּן זֶען אַז עֶס גֵייט צוּבִּיסְלִיךְ אַרַיין דִי דִיבּוּרִים אִין דִי הֶערְצֶער; מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה.

...

### זוּמֶער דַארְף מֶען מֶער טְרִינְקֶען, נִישְׁט צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעטְרוּקְנְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מַיין טֵייעֶרֶע טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ'

אִיךְ בַּאקוּם זֵייעֶר גוּטֶע גְרוּסְן פוּן סְקוּל אַז דוּ טוּסְט זֵייעֶר אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט, דִי קִינְדֶער זֶענֶען צוּפְרִידְן.

אִיךְ הָאבּ נַחַת פוּן דַיין מַאן נֵרוֹ יָאִיר. יֶעצְט זוּמֶער זִיצְט עֶר מֶער אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הַאלְט מִיט פוּן דֶער נָאנְט זַיין הַתְמָדַת הַתּוֹרָה, זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן זַיין גוּטֶע הַארְץ. עֶר הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר מִיט דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, עֶר זָארְגְט פַאר זֵייעֶר ווָאוֹילְזַיין.

שְׁרַייבּ מִיר יֶעדֶע וָואךְ וִויפִיל תְּהִלִּים דוּ זָאגְסְט. תְּהִלִּים אִיז אַ טְרִינְק, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תפה): "אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אַז מֶען זָאגְט, אִיז אַזוֹי וִוי אַ פָּאנְטְשׁ"; יֶעצְט זוּמֶער וֶוען עֶס אִיז הֵייס, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען גְרוֹיס - דַארְף מֶען מֶער טְרִינְקֶען נִישְׁט צוּ וֶוערְן דִיהֵיידְרֶעיטֶעד, אוֹיסְגֶעטְרוּקְנְט.

פוּן דַיין טַאטֶע.

...

### דִי סְקוּל זָאל בְּלַייבְּן הֵיימִישׁ אוּן וַוארֶעם, אֲפִילוּ וֶוען עֶס וֶוערְט גְרֶעסֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַייעֶר מַאן הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר גֶעטְרֵיי, עֶר הֶעלְפְט מִיר אָן קַיין אֵייגֶענֶע

חֶשְׁבּוֹנוֹת; עֶר אִיז דָא צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסָד וָואס הָאט אִים גֶעהָאלְפְן.

אוֹיךְ אִיר זֶענְט זַייעֶר אַ גוּטֶע טִיטְשֶׁער, מִיר זֶענֶען זַייעֶר צוּפְרִידְן פוּן אַייעֶר אַרְבֶּעט.

בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִי תַּלְמִידוֹת - שִׂמְחָה.

זֶעט אַז דִי סְקוּל זָאל בְּלַייבְּן הֵיימִישׁ, עֶס זָאל בְּלַייבְּן אַ סְקוּל וואוּ יֶעדֶע מֵיידְל אִיז אַ קִינְד - נִישְׁט אַ נוּמֶער. אִיךְ הָאף אַז אֲפִילוּ וֶוען מִיר וֶועלְן וַואקְסְן, דִי מוֹסָד וֶוערְט גְרֶעסֶער - וֶועט דָאס בְּלַייבְּן אַ וַוארֶעמֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען עֶרְצִיעֶט קִינְדֶער מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

גֵייט מִיט אֵיידֶעלֶע קְלֵיידֶער, זוּכְט נִישְׁט אַרוֹיסְצוּשְׁטַארְן פוּן אַנְדֶערֶע.

...

### דִי עִיקָר עֲבוֹדָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט גוּטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

דִי עִיקָר עֲבוֹדָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט - אִיז זַיין פְרֵיילִיךְ; זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט תּוֹרָה וּמִצְוֹת.

דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וְכַת דִילֵי' זוּכְן אַלֶע וֶועגְן ווִי אַזוֹי צוּ צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵיי, אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כֹּחוֹת נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ.

...

### קוּם שַׁבָּת אִין שׁוּל מִיטְ'ן שְׁטְרַיימְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

קוּם שַׁבָּת אִין שׁוּל מִיטְ'ן שְׁטְרַיימְל, אוֹיךְ בַּיים אַהֵיימְגֵיין זָאלְסְטוּ גֵיין

אָנְגֶעטוּן מִיטְ׳ן שְׁטְרַיימְל, און אויב עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ גֵיין אַ לַאנְגֶע וֶועג - קֶענְסְטוּ דַאוֶונֶען נֶעבְּן דַיין שְׁטוּב. מִיר הָאבְּן שׁוֹין הַיינְט פִּינְף בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים אִין שְׁטֶעטְל, עֶנְדֶערְשׁ דַאוֶונֶען נֶעבְּן דַיין שְׁטוּב און גֵיי אָנְגֶעטוּן מִיטְ׳ן שְׁטְרַיימְל, וִוי אֵיידֶער זִיךְ שְׁלֶעפְּן דִי לַאנְגֶע וֶועג צוּ קוּמֶען הֶערְן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת און אוֹיסְטוּן דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע קְלֵיידֶער.

דוֹרוֹת רוּקְן זִיךְ אַוֶועק, אוֹיב מֶען כַאפְּט זִיךְ אָן, מֶען אִיז נִישְׁט מְשַׁנֶּה - וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ.

גֵיי הֲפָצָה, יֶעצְט זוּמֶער זֶענֶען דָא אַרוּם דִי שְׁטֶעטְל צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מִשְׁפָּחוֹת וָואס וַוארְטְן אֵיינֶער זָאל זֵיי מַדְרִיךְ זַיין, אֵיינֶער זָאל זֵיי אוֹיפְוַוייזְן אַז זֵיי קֶענֶען נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן און אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ זֵייעֶרֶע מִצְווֹת.

...

**אַנְשְׁטָאט זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן, עֶנְדֶערְשׁ חַזֵר נָאכְאַמָאל דִי אֱמוּנָה**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת בָּלָק, י״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, אִיךְ זֶע וִוי דוּ גֵייסְט אַיין, דוּ עֶסְט זִיךְ אוֹיף, דוּ פִּירְסְט חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט דֶעם, מִיט יֶענֶעם; אַ שָׁאד זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן, אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַּיינִיגְן. עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ חַזֵר׳ן דִי אֱמוּנָה, חַזֵר טָאג און נַאכְט דִי וֶוערְטֶער: ״אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער״, און ״אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס״; קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט גוּטְס טוּן, אַלֶעס אִיז פוּן הִימְל.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חוּלִּין ז:): ״אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה״, אַ מֶענְטְשׁ צֶעקְלֶעמְט זִיךְ נִישְׁט זַיין פִינְגֶער, ״אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה״ - נָאר אַז מֶען רוּפְט אוֹיס אִין הִימְל; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דַיין טַאטֶע, דַיין מַאמֶע, דַיין מִשְׁפָּחָה, דַיינֶע צָרוֹת וְיִסּוּרִים - אִיז אַלֶעס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

גְלֵייבּ מִיר, וָואלְסְטוּ וֶוען גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן גֶעגַאנְגֶען שְׁרֵייעֶן אִין פֶּעלְד: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם רַחֵם עָלַי, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם רַאטֶעוֶוע מִיר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ בִּין פַארְכַאפְּט בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע, אִיךְ הָאבּ מִיט יֶעדְן אַ חֶשְׁבּוֹן, יֶעדֶער אִיז מִיר שׁוּלְדִיג; וָואס אִיז מִיט מִיר? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן? וויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא נָאר דוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער".

וָואלְסְטוּ גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת - וָואלְסְטוּ שׁוֹין פוּן לַאנְג גֶעוֶוען אַ פְרֵיילִיכֶער, אוּן אַלֶעס וָואלְט דִיר גְרִינְגֶער גֶעוֶוען.

בְּרוּדֶער, הוֹיבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי; אִיךְ טוּ דָאס אוּן אַלֶעס אִיז מִיר גוּט.

...

**נֶעמְט דִי לֶעבְּן גְרִינְג, נֶעמְט נִישְׁט קַיין פְּרֶעשׁוּר פוּן גָארְנִישְׁט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶרֶע בְּרִיוו.

נֶעמְט נִישְׁט קַיין פְּרֶעשׁוּר פוּן גָארְנִישְׁט, נִישְׁט פוּן אַייעֶר מַאן אוּן נִישְׁט פוּן דִי קִינְדֶער, אַז אַייעֶר מַאן הֵייבְּט נִישְׁט אוֹיף דִי טֶעלֶעפָאן - זָאלְט אִיר נִישְׁט וֶוערְן אָנְגֶעצוֹיגְן, אוּן אַז עֶר קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים צַייטְלִיךְ - זָאלְט אִיר נִישְׁט הָאבְּן פְּרֶעשׁוּר אוּן אַרַיינְגֵיין אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע; טְרַאכְטְס גוּט אוּן נֶעמְט דִי לֶעבְּן גְרִינְג.

אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דִי אַרְבֶּעט; נֶעמְט נִישְׁט קַיין פְּרֶעשׁוּר, וֶוערְט נִישְׁט הִיסְטֶערִישׁ פוּן גָארְנִישְׁט, אַרְבֶּעטְס לוֹיט אַייעֶרֶע כֹּחוֹת; וִויפִיל כֹּחַ אִיר הָאט - אַזוֹיפִיל זָאלְט אִיר אַרְבֶּעטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פב) פַארְוָואס גֵייט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ פַארְקֶערְט וִוי עֶר וִויל? וַוייל עֶר ווִיל עֶפֶּעס; וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט, וָואלְט עֶר גֶעוָואלְט נָאר טוּן רְצוֹן הַשֵּׁם - וָואלְט אַלֶעס גֶעגַאנְגֶען כְּסֵדֶר; דִי עֵצָה אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶּה פַאר אַלֶע וָואס קְרֶעכְצְן אַז עֶס גֵייט זֵיי

נִישְׁט, דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק דוּרְכְפַאל, דָאס אִיז וַוייל זֵיי לֶעבְּן נִישְׁט מִיט אֱמוּנָה; וָואלְט מֶען זִיךְ אַיינְגֶעבּוֹיגְן דֶעם קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט אַלֶעס גֶעגַאנְגֶען כְּסֵדֶר.

...

### עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אִין יְשִׁיבָה קַיין טְרִינְקֶען אַלְקָאהָאל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

אִיךְ הֶער יֶעצְט זָאגְן אַז דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּם בִּיטֶערְן טְרָאפּ, עֶס זֶענֶען דָא בָּחוּרִים וָואס טְרִינְקֶען בְּרוֹינְפְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, "אַל תֵּלֵךְ בְּדֶרֶךְ אִתָּם" (מִשְׁלֵי א, טו), גֵיי נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועג, דוּ דַארְפְסְט אַ שִׁידוּךְ, דוּ דַארְפְסְט חֲתוּנָה הָאבְן; אִין בֵּית פֵּיגָא אִיז נִישְׁטָא קַיין תַּלְמִידוֹת וָואס ווילְן אַ מַאן אַ שִׁיכּוֹר, וֶוער דַארְף אַ מַאן אַ שִׁיכּוֹר? וֶוער וִויל אַן אֵיידֶעם אַ שִׁיכּוֹר?!

אִיךְ הָאף אַז דֶער בְּרִיוו וֶועט זַיין גֶענוּג, וַוייל אִיךְ וֶועל טוּן אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אִין יְשִׁיבָה קַיין טְרִינְקֶען.

...

### שִׂמְחָה הִיט פוּן עֲבֵירוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בָּלָק, ט"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

...

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי טו, יג): "לֵב שָׂמֵחַ" אַ פְרֵיילִיכֶע הַארְץ, "יֵיטִב פָּנִים" הָאט אַ שֵׁיינֶע פָּנִים, אַ שֵׁיינֶע אוֹיסְזֶען, "וּבְעַצְּבַת לֵב" אוּן אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע הַארְץ, "רוּחַ נְכֵאָה" וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן דִי גֵייסְט.

מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קסט) שִׂמְחָה הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אוּן עַצְבוּת וַוארְפְט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת; קֶען מֶען זָאגְן, "לֵב שָׂמֵחַ" - אַ פְרֵיילִיכֶע הַארְץ, "יֵיטִב פָּנִים" - זֶעט

אוֹיס שַׁיין; וַוייל דִי שִׂמְחָה הִיט אִים פוּן עֲבֵירוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "כְּשֶׁתִּזְכֶּה לְשִׂמְחָה" וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, "אֲזַי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ יִשְׁמֹר לְךָ אֶת הַבְּרִית" הִיט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן פּוֹגֵם זַיין בְּאוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ.

"וּבְעַצְּבַת לֵב" אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען אִיז בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, "רוּחַ נְכֵאָה" - פַאלְט מֶען אַרָאפּ, מֶען וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן, מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "כִּי עִקַּר פְּגַם הַבְּרִית הוּא עַל יְדֵי עַצְבוּת" דֶער עִיקָר וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן - אִיז דוּרְךְ עַצְבוּת.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס פְרֵיידְט זִיךְ מִיט זַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ אַז עֶר אִיז אַ אִיד, עֶר אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס אַ קִינְד; וֶועט זַיין: "לֵב שָׂמֵחַ, יֵיטִב פָּנִים", וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

**מֶען דַארְף הָאבְּן נָאךְ אַ בִּנְיָן פַאר דִי מוֹסְדוֹת אִין שְׁטֶעטְל**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בָּלָק, ט"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר'ן צָאלְן רֶענְט פַאר אַלֶע אוּנְזֶערֶע בִּנְיָנִים מִידֵי חוֹדֶשׁ בְּחָדְשׁוֹ; שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן וָואס דוּ מִיט ... נֵרוֹ יָאִיר גֶעמֶען צוּזַאם צְדָקָה, מַעֲשֵׂר, חוֹמֶשׁ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - פַאר דִי בִּנְיָנֵי הַמּוֹסָד. מַאכְסְט מִיר גְרִינְגֶער צוּ קֶענֶען עוֹסֵק זַיין מִיט דִי בָּחוּרִים מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת.

יֶעצְט וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, הֱיוֹת דִי מוֹסָד אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁנֶעל צוּואַוואקְסְן, עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ אִין 39 טְשֶׁעסְטְנָאט סְטְרִיט, מִיר הָאבְּן גֶעקוֹיפְט נָאךְ אַ בִּנְיָן פִּינְקְט אַנְטְקֶעגְן אִיבֶּער דִי עֶרְשְׁטֶע בִּנְיָן, מַמָּשׁ פַאר בְּחִנָּם, דְרַייסִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, אָבֶער מֶען דַארְף אַרֵיינְלֵייגְן לְכָל הַפָּחוֹת דְרֵיי הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער.

אֶפְשָׁר וִוילְסְטוּ הָאבְּן דִי זְכוּת צַאמְצוּנֶעמֶען פַאר דֶעם בִּנְיָן צְדָקָה פוּן

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ? אֶפְשָׁר זֶענֶען דָא וָואס ווילְן קוֹיפְן זְכוּתִים פוּן כִּתּוֹת; וַוייל אִיךְ מוּז שוֹין יֶעצְט עֶנְדִיגְן דִי אַרְבֶּעט, מִיר מוּזְן הָאבְּן דֶעם בִּנְיָן גְרֵייט אוֹיף דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, שְׁנַת תשפ״ג הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי שְׁטַארְק מִיט לִימוּד מִשְׁנָיוֹת וּגְמָרָא; דָאס אִיז נִצְחִיּוּת, דָאס אִיז וָואס מֶען נֶעמְט מִיט.

אוֹיךְ עֶרְלֶעדִיג מִיר דִי הַאלְטֶערְס פַאר דִי זִילְבֶּערְנֶע ה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

...

## אַ טֶעלֶעפָאן אָן אַ פִילְטֶער אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בָּלָק, ט״ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

יֶעצְט אִיז אַפָּאר מִינוּט פַאר׳ן זְמַן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דוּ הָאסְט אַ טֶעלֶעפָאן אָן קַיין פִילְטֶער.

עֶס טוּט מִיר אַזוֹי וֵויי; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי נִסָּיוֹן אוּן דָאס אַוֶועקְוַוארְפְן, וַוייל טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ..., אוֹיב מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת - פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס! מֶען פַארְלִירְט דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי רַחְמָנוּת אוֹיף דַיינֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר; אִיךְ קוּק אַזוֹי אַרוֹיס אַז דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט אַ טֶעלֶעפָאן אָן אַ פִילְטֶער - וֶוער וֵוייסְט וואוּ דָאס וֶועט דִיר אַוֶועקְטְרָאגְן...

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ זַיין עֶרְלִיךְ.

עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד, דוּ בִּיסְט יֶעצְט אִין דִי יָארְן פוּן שִׁידּוּכִים, אִיךְ פְּרוּבִּיר דִיר צוּ מַאכְן אַ שִׁידּוּךְ, אָבֶער אַז דוּ הָאסְט אַ טֶעלֶעפָאן אָן אַ פִילְטֶער

– אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, וַוייל קוֹדֶם פַאַרְלִירְט מֶען דִי גֶעפִּיל צוּ רוּחָנִיּוּת, צוּ דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, אוּן נָאכְדֶעם פַאַרְלִירְט מֶען דִי גֶעפִּיל צוּ אַלֶעס, אֲפִילוּ צוּ דִי וֶועלְט; מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ, מֶען קֶען נִישְׁט עֶרְצִיעֶן קִינְדֶער, מֶען פַאַרְלִירְט אַלֶעס.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, נֶעם אָן מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר פוּן מַיין הַארְץ, אִיךְ וַוארְט זָאלְסְט מִיר עֶנְטְפֶערְן; אָדֶער קוּם רֶעדְן מִיט מִיר, אָדֶער בִּכְתָב.

אַ גוּט שַׁבָּת.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ אוּן וַוארְט צוּ זֶען נַחַת בַּיי דִיר.

...

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ ווִילְסְט, וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעקוֹיפְט טִיקֶעטְס צוּ גֵייְן צוּם רֶבִּי׳ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מַיינֶע עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער נֶעם אִיךְ אוֹיךְ מִיט קַיין אוּמַאן, מַיינֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער נֶעם אִיךְ נִישְׁט דִי יָאר.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם; דוּ גֵיי דַיין וֶועג, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט בֶּעסֶערְ׳ס פוּן דִיר, נִישְׁטָא קַיין עוֹלָם הַזֶּה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיט): ״אֶפְשָׁר אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז דָא ׳עוֹלָם הַזֶּה׳, דָא זֶע אִיךְ נִישְׁט קַיין ׳עוֹלָם הַזֶּה׳, דָא אִיז דֶער גֵיהִנּוֹם; יֶעדֶער אִיז פוּל מִיט יְסוּרִים, אֲפִילוּ דִי עֲשִׁירִים זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט יְסוּרִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב ה, ז): ׳אָדָם לְעָמָל יוּלָּד קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז׳, אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען, אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט וֵוייניג אוּן דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט

ווייטָאג, און שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ב, כג): 'גַּם כָּל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת', דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט כַּעַס און ווייטָאג; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם עֵצָה וואו צוּ אַנְטְלוֹיפְן - נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און צוּ דִי תּוֹרָה, מֶען דַארְף נֶעמֶען דֶעם 'עָמָל' וָואס עֶס שְׁטֵייט 'אָדָם לְעָמָל יוּלָד' און עֶס אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי תּוֹרָה: 'אַשְׁרֵי מִי שֶׁעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה'".

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ ווִילְסְט, וָואס דוּ דַארְפְסְט - וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז יֶענֶער ווִיל מִיךְ נִישְׁט, דַארְף אִיךְ יֶענֶעם טוֹיזְנְט מָאל נִישְׁט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

דֶער שִׁידוּךְ וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ אָנְגֶעטְרָאגְן אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט; אִיךְ הָאף אִיר וֶועט נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ הָאף יֶעצְט וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַייעֶר הֶעלְדִישְׁקֵייט, אַז אִיר גֵייט ווַייטֶער אָן מִיטְ'ן לֶעבְּן - זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין.

יֶעדֶער אֵיינֶער אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פוּנֶעם קְלֶענְסְטְן בִּיזְן גְרֶעסְטְן ווייסְט וָואס מוֹהֲרַא"ש לֶערְנְט אוּנְז: "וֶוער עֶס דַארְף מִיךְ נִישְׁט - דַארְף אִיךְ אִים טוֹיזְנְט מָאל נִישְׁט"; דָאס הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אוּנְז אַזַא גְרוֹיסֶע שֵׂכֶל, מֶען זָאל נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן קֵיינֶעם, מֶען זָאל זַיין זִיכֶער מִיט זִיךְ, און אַז יֶענֶער ווִיל מִיךְ - ווִיל אִיךְ יֶענֶעם, און אַז יֶענֶער ווִיל מִיךְ נִישְׁט - ווִיל אִיךְ אִים טוֹיזְנְט מָאל נִישְׁט.

אַזוֹי זָאלְט אִיר יֶעצְט זָאגְן: '**אַז יֶענֶער ווִיל מִיךְ נִישְׁט - דַארְף אִיךְ יֶענֶעם טוֹיזְנְט מָאל נִישְׁט**'.

אִיךְ טְרַאכְט אַסַאךְ פוּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פַאר אַייךְ, אִיךְ הָאף צוּ זַיין אַייעֶר שַׁדְכָן און בְּקָרוֹב זֶענְט אִיר אַ כַּלָּה, און גְלַייךְ נָאכְדֶעם וֶועט זַיין דִי חֲתוּנָה.

גֶעבְּט אַ גוּטֶע שְׁלִינְג, שְׁלִינְגְט אַרָאפּ דִי זַאךְ, אוּן קְלַאפְּט אַרוֹיס פוּן קָאפּ דֶעם נָאמֶען; זָאגְט מִיר וֶוען אִיר זֶענְט גְרֵייט צוּ גֵיין וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וֶוען דוּ זֶעסְט אַ מַחֲלֹקֶת-פֵייעֶר צִינְדְט זִיךְ אָן, דֶערְשְׁטִיק עֶס**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת פִּנְחָס, כ׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ׳ן מִיר הֶעלְפְן מִיט יֶעדְן פְּרַט; עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין דָא אִין שְׁטֶעטְל צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אִינְדֶערְפְרִי אוּם 8:00 לֶערְן אִיךְ פָאר דֶעם בְּלַאט גְמָרָא הִינְטֶערְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער. עֶס קוּמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיט הַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר גְמָרָא, עֶס אִיז אַ מְחַיֶּ׳, עֶס הָאט אַלֶע טַעֲמִים. אִיךְ זָאג פַאר דִי אִינְגֶעלַייט אַז דָאס אִיז טַעַם גַן עֵדֶן, פְרֶעגְט מִיךְ אֵיינֶער: ״דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין גַן עֵדֶן, צוּ זָאגְן אַז דָאס אִיז טַעַם גַן עֵדֶן?״ זָאג אִיךְ אִים: ״אִיךְ מֵיין צוּ זָאגְן אַז אִיךְ הָאף צוּ שְׁפִּירְן דֶעם טַעַם אִין גַן עֵדֶן; דִי טַעַם פוּן לֶערְנֶען גְמָרָא מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צְווִישְׁן בֵּיימֶער״; נִישְׁטָא עֶפֶּעס בֶּעסֶערְס.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אוֹיב דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן דִי לֶעקְטֶער בַּיי דִי פַּארְקִינְג לַאט; עֶס אִיז ווִיכְטִיג, וַוייל מֶען זֶעט נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן אוּן קַארְס פָארְן. בִּפְרַט מָאנְטָאג נַאכְט בַּיי דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם, אִיז אַ סַכָּנָה.

אוֹיךְ אוֹיב דוּ קֶענְסְט אַרוֹיפְלֵייגְן אַ סְפְּרִינְג אוֹיף דִי טִירְן אִין יְשִׁיבָה, וַוייל עֶס אַרְבֶּעט דִי עֶירְקָאנְדִישְׁן, עֶס קָאסְט אַזוֹיפִיל דִי לֶעקְטֶער; עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד אִידִישׁ גֶעלְט.

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ; בְּרֶענְג אַרַיין צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ לִיבְשַׁאפְט. וֶוען דוּ זֶעסְט אַ פֵייעֶר צִינְדְט זִיךְ אָן - גִיס וַואסֶער אָדֶער וַוארְף זַאמְד, דֶערְשְׁטִיק דִי פֵייעֶר עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁפְּרֵייטְן.

וֶוען אַלֶע וָואלְטְן אַזוֹי גֶעטוּן - וָואלְט גוּט גֶעוֶוען; בִּפְרַט דִי וָואס

הֶעלְפְן, דִי גַבָּאִים - דִי דַארְפְן הַאלְטְן קָאפּ אוֹיף דֶעם; דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

...

### גוּטֶע גְרוּסְן פוּן דִי אִינְגְל קֶעמְפּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בַּאקוּם זֵייעֶר גוּטֶע גְרוּסְן פוּן דִי אִינְגְל קֶעמְפּ, אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מֶען מִיר וִוי גֶעטְרֵיי דוּ בִּיסְט פַאר דִי קִינְדֶער. דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן אַז דִי קִינְדֶער רוּפְן אַהֵיים אַזוֹי צוּפְרִידְן - עֶס גִיסְט זִיךְ שְׁמַאלְץ וֶוען זֵיי דֶערְצֵיילְן וָואס טוּט זִיךְ אִין קֶעמְפּ, וִוי מֶען לֶעבְט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין פָּארִיגֶע וָואךְ בַּיי דִי סִיוּם הַשַּׁ״ס פוּן הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, אוּן אִיךְ וַוארְט וֶוען מֶען וֶועט מִיךְ אַיינְלַיידֶענֶען צוּ נָאךְ סִיוּמִים.

אוֹיבּ דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דִי אַרְבֶּעט אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, בֶּעט אִיךְ דִיר, כַאפּ אַ שְׁמוּעֶס מִיט אִינְגֶעלַייט; פְּרֶעג זֵיי אוֹיס אוֹיבּ פַאר זֵיי אִיז גְרִינְגֶער...וַוייל וִויפִיל אִיךְ הֶער פוּן אִינְגֶעלַייט - הֶער אִיךְ פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם וִוי שְׁוֶוער מֶען אַרְבֶּעט, וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז זֵיי; בַּיי יֶעדְן אִיז שְׁוֶוער, בַּיי דִיר וֶועט כָאטְשִׁיג בְּלַייבְּן דִי יִרְאַת שָׁמַיִם, דִי מִידוֹת טוֹבוֹת אוּן דִי אֱמוּנָה וָואס דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין זֵיי.

...

### דִי אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישׁ נָאכְ׳ן אַרַיינְפַאלְן מִיט אַ מְנֻוָּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְט אִיר מֶעלְדְן פַאר דִי פָּאלִיצֵיי אוּן אַיינְשְׁפַּארְן דֶעם מְנִיוָל אִין תְּפִיסָה אָן קַיין רַחֲמָנוּת.

צְווייטְנְס, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן מִיט וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁען, אִיר זֶענְט נִישְׁט שׁוּלְדִיג, דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כב, כו): "כִּי כַּאֲשֶׁר יָקוּם אִישׁ עַל רֵעֵהוּ וּרְצָחוֹ נֶפֶשׁ כֵּן הַדָּבָר הַזֶּה", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי אַ רוֹצֵחַ קוּמְט אוּן הַרְגְ'עֶט; אִיר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט טוּן, אִיר זֶענְט אוּמְשׁוּלְדִיג; זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן.

דְרִיטְנְס; שְׁפַּארְט זִיךְ נִישְׁט אַיין אִין שְׁטוּב, גֵייט יָא אַרוֹיס צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, גֵייט אָן מִיט אַייעֶר לֶעבְּן, גֵייט שְׁפַּאצִירְן מִיט אַייעֶר מִשְׁפָּחָה, אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער, אִיר קֶענְט נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, דִי זַאךְ לוֹיפְט אַייךְ נָאךְ אָן אוֹיפְהֶער - זָאלְט אִיר נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; שְׁמוּעֶסְט אוֹיס אַייעֶרֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַייעֶרֶע בִּלְבּוּלִים מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס, דָאס וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן.

תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס גֶעבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ נֵייעֶ מוֹחִין, עֶס וַוייזְט אַ לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי גְרֶעסְטֶע פִינְסְטֶערְנִישׁ; עֶס עֶפְנְט דִי פַארְקְנִיפְּסְטֶע קְנִיפְּן, עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס פוּן דִי גְרֶעסְטֶע פְּלָאנְטֶער.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין אַזוֹי מִיאוּס אַרַיינְגֶעפַּאלְן מִיט אַ מְנֻוָּל אוּן דָאס לָאזְט מִיר נִישְׁט קַיין מְנוּחָה; אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין וַוייטֶער מִיט מַיין לֶעבְּן, אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אַ מַאמֶע פַאר מַיינֶע קִינְדֶער. אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּאנַייעֶן, אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְהוֹיבְּן דָאס לֶעבְּן פוּנְדָאסְנַיי מַמָּשׁ, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען לַיידְן, אִיךְ זָאל פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, אוּן הֶעלְף מִיר, הִיט מִיר - אִיךְ זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אַזֶעלְכֶע זַאכְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט אַנְדֶערֶע, אִיךְ זָאל לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן מִיט מַיין מַאן, מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן מִיט שָׁלוֹם".

אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן, אוּן לֵייגְט צוּ אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, וֶועט אִיר זֶען בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועט אִיר צוּרִיק וֶוערְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

וַוייזְט דֶעם בְּרִיוו פַאר אַייעֶר מַאן, וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיךְ מְחַזֵּק זַיין, אוּן אִיר וֶועט זִיךְ אִינְאֵיינֶעם שְׁטַארְקְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַאךְ דֶעם קִידוּשׁ בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין נֵייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע מֵיידֶעלֶע! זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אִיר צוּ מְגַדֵּל זַיין לְבַעַל תּוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים בְּנָקֶל וּבְנַחַת.

בְּנוֹגֵעַ דִי קִידוּשׁ וְכוּ׳; גֵיי צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן, מַאךְ דָארְט דִי קִידוּשׁ; אַזוֹי וֶועסְטוּ פַארְמַיידְן פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכוּ׳.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי צְדָקָה פוּן צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער; דִי גֶעלְט גֵייט פַאר זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע צְוֶועק. בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה זָאלְסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח אוּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער.

דַאנְק אוּן לוֹיב דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט, פַאר אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר. פַאר דַיין שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, פַאר דַיין וַוייבּ אוּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער.

גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְד הִינְטֶער דַיין שְׁטוּבּ - וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן טַעַם גַן עֵדֶן.

...

## מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מִיט חִזּוּק פַאר שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע יָארְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפּ, דוּ בִּיסְט אִין יְשִׁיבָה, דוּ הַאלְסְט מִיט דִי סְדָרִים, דִי שִׁיעוּרִים; עֶס אִיז אַזוֹי ווִיכְטִיג צוּ הָאבְּן דִי שִׁיעוּרִים, בִּפְרַט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן.

אַ שָׁאד יוּנְגֶע בָּחוּרִים זֶענֶען נִישְׁט מַעֲרִיךְ וָואס זֵיי הָאבְּן, מֶען וֵוייסְט

נִישְׁט וִוי ווִיכְטִיג דָאס אִיז פַארְ'ן לֶעבְּן, וַוייל דֶער לֶעבְּן גֵייט נִישְׁט בַּיי יֶעדְן גְלַאטִיג, עֶס אִיז דָא אִין לֶעבְּן אַסַאךְ סוּרְפְּרֵייזֶעס; אַ יוּנְגֶער בָּחוּר חָלוֹמְ'ט נִישְׁט וָואס דִי לֶעבְּן קֶען בְּרֶענְגֶען, מֶען טְרַאכְט 'אִיךְ וֶועל זִיכֶער זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער חָתָן פוּן כִּתָּה אוּן גְלַייךְ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ קוֹיפְן אַ הוֹיז, אוּן ... אוּן ... אוּן ...' דִי חָלוֹם גֵייט ...; פְּלוּצְלוּנְג זֶעט מֶען נִישְׁטָא קַיין שִׁידוּךְ, אַ צְוֵוייטֶער הָאט יָא זַיין שִׁידוּךְ אָבֶער עֶר דַארְף זִיךְ גֶטְ'ן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אַ דְרִיטֶער וַוארְט אוֹיף קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. נִישְׁטָא קַיין פַּרְנָסָה, נִישְׁטָא קַיין מְנוּחָה; וָואלְט עֶר גֶעהַאט חִיזוּק, וָואלְט עֶר גֶעהֶערְט שִׁיעוּרִים פוּן אֱמוּנָה נָאכְאַנַאנְד - וָואלְט עֶר זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן.

הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, לָאז נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה; זֶע צוּ קוּמֶען יֶעדְן טָאג אוּן אוֹיסְהֶערְן שִׁיעוּרִים; טְרִינְק דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן - וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, זַיין שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ אִיז גֶעוֶועזְן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעוִויזְן אַ שְׁטְרֶענְגֶע פָּנִים; אַלֶעס הָאט עֶר גֶעקֶענְט דֶערְהֵייבְּן, אָבֶער וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן - דָאס אִיז אִים גֶעוֶועזְן זֵייעֶר שְׁוֶוער. דָאךְ אִיז עֶר אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעקוּמֶען, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר רָב רֶבִּי אַהֲרֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי וֶועט מִיר הַאקְן מִיט אַ דְרָאנְג - וֶועל אִיךְ אִים נִישְׁט אָפְּלָאזְן".

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בְּלַייבְּן צוּגֶעקְלֶעבְּט בַּיים רֶבִּי'ן בָּזֶה וּבַבָּא; וִוי מֶער מֶען בֶּעט אוֹיף דֶעם פְּרַט - אַלְץ נֶענְטֶער וֶוערְט מֶען, אַלְץ מֶער צוּגֶעקְלֶעבְּט וֶוערְט מֶען צוּם רֶבִּי'ן.

זָארְג נִישְׁט וֶועגְן דַיין שִׁידוּךְ; דוּ פִיר זִיךְ וַוייטֶער אוֹיף מִיט דַיינֶע גוּטֶע מִדּוֹת, לֶערְן וַוייטֶער דַיינֶע שִׁיעוּרִים - וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין זִיווּג אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן; אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט טִיקֶעטְס פַאר מִיר אוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל מִיר זָאלְן זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן; פּוֹעֵלְ'ן אַלֶעס גוּטְס פַאר אוּנְז אוּן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

...

כמה מעלות טובות

# מַעֲשֶׂה'לֶעך

# היסטארישע דורכברוך

אין די וועלט פון ערליכע

## אידישע ליין מאטריאל!

הערליכע מעשיות דערציילט
דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א

- מעשה'לעך וועט אריינבאקן אמונה אין די קינדערלעך
- מעשה'לעך וועט איינ-געוואוינען רעדן צו און פונעם אייבערשטן די מיילער פון די קינדערלעך
- מעשה'לעך וועט אויפבויען די דרך ארץ און מידות טובות ביי די קינדערלעך
- מעשה'לעך וועט ווייזן די ריכטיגע וועג פאר אייערע קינדער צו זיין ברסלב'ע קינדערלעך




די מעשה'לעך קינדער ביכל וועט בעזר ה' זיין צו באקומען
אין די נאנטע טאג ביי די מפיצים און ביי די קרן הדפסה.

קחו ברכה אל תוך בתיכם!